## זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

## סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן

הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא, מִי כָמוֹהוּ מוֹרֶה, הַיּוֹצֵא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, נְבוֹן לַחַשׁ וַחֲכַם חֲרָשִׁים. הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב הָאֱמֶת, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחוֹקִים. שְׁמוֹ קֹדֶשׁ. מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נַחְמָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מִקְּהִלַּת **בְּרֶסְלֶב**, בְּהָרַב הַוָּתִיק וְחָסִיד, מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, בֶּן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן הָארִידֶענְקֶיר זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. וּמִצַּד אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת הַמְפֻרְסֶמֶת בְּשֵׁם טוֹב, מָרַת פֵיגֶא זצ״ל. הוּא נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ, רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב **יִשְׂרָאֵל בַּעַל־שֵׁם־טוֹב** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים. בִּזְכוּתָם יָאִיר עָלֵינוּ חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים. וְנִזְכֶּה לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים. חִישׁ קַל מְהֵרָה נָשׁוּב לְצִיּוֹן בִּרְנָנִים. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

עִם פֵּירוּשׁ

## שְׂפָתַי תִּפְתָּח

אִידִישׁ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בִּרְבָבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא ויזכו לרות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם

**אמן כן יהי רצון**

# הַקְדָמָה

**דָוִד** הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מויל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען און לויבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן און אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, און אִים דַאנְקֶען און לויבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע, לויטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הויבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר', און וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מויל און מֶען הויבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אויפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אויף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרויסְן צַדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׂפַת הַנַּחַל, דְרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"שׁ און סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט און גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אויף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אויךְ הָאבְּן אַ טַעַם און אַ גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אויךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, און וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אויפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

**אִיךְ** הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** אִין דִי וָוארְט 'שְׂפָתַי' אִיז דָא דִי וָוארְט 'שְׂפַת' וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

**דֶער** אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארְעֶכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ'מֶלֶךְ אֶ'חָד יִ'הְיֶה לְ'כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב)

**לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ב**

**אַרַיינְפִיר**

# ב

**לְשׁוֹן רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה:**

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה: אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם: לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו** (וַיִּקְרָא כא):

**עֶם** אִיז דָא אִינֶעם הֵיילִיגְן זוהַר סוֹף פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, אַ בַּאהַאלְטֶענֶע סֵפֶר מִיטְן נָאמֶען 'סִפְרָא דִצְנִיעוּתָא', אִין אִידִישׁ אִיז דָאס: 'אַ בַּאהַאלְטֶענֶע סֵפֶר', דֶער סֵפֶר הָאט פִינְף קַאפִּיטְלֶעךְ, דֶער גַאנְצֶער סֵפֶר זוהַר אִיז בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת פוּן חָכְמַת הַקַּבָּלָה, אָבֶער דֶער סֵפֶר - סִפְרָא דִצְנִיעוּתָא - אִיז נִסְתָּר שֶׁבְּנִסְתָּר; אִין דֶעם קְלֵיינֶעם סֵפֶר הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַלֶע חָכְמוֹת הַקַּבָּלָה.

**דֶער** אֲרִיזַ"ל זָאגְט (עַיֵּן עֵמֶק הַמֶּלֶךְ שַׁעַר א', פֶּרֶק נא), וְויבַּאלְד דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהַאט דִי נְשָׁמָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן פַּרְעֹה - אַזוֹי אוֹיךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן דִי רוֹמִיִּים, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר, דָארְט אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת - אַזוֹי אוֹיךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעוֶוען אִין מִדְבַּר לוּד, מְמֵילָא, אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעמַאכְט דִי פִינְף חֲלָקִים פוּן דִי בַּאהַאלְטֶענֶע סֵפֶר - סִפְרָא דִצְנִיעוּתָא.

**אַזוֹי** אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט גֶעהַאט דִי נְשָׁמָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי - אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט: 'וְעַכְשָׁו יֵשׁ נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, שֶׁאֲפִלּוּ הָעִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא, גַּם כֵּן צָרִיךְ לְקַבֵּל מִשָּׁם' - הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיף דִי פִינְף פְּרָקִים פוּן סִפְרָא דִצְנִיעוּתָא, אוֹיף פֶּרֶק א' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יט. אוֹיף פֶּרֶק ב' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב. אוֹיף פֶּרֶק ג' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כ. אוֹיף פֶּרֶק ד' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כא, אוּן אוֹיף פֶּרֶק ה' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כב.

**אַלֶעם** וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי צַדִּיקִים מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי - הָאט פַּאסִירְט מִיטְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען כָּל יָמָיו אַ נִרְדָּף, מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדְפְ'ט וְכוּ', אוֹיךְ אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אִין מִדְבָּר, אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער, וָואס עֶר הָאט דָארְט פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן.

**לְשׁוֹן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה:**

**'וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה, אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן, וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם, לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו'** (וַיִּקְרָא כא, א).

**אִיתָא** בְּסִפְרָא דִּצְנִיעוּתָא פֶּרֶק ב' (זֹהַר תְּרוּמָה קעז.): 'מְנוּקְבָא דְּפַרְדַּשְׁקָא מָשַׁךְ רוּחָא דְּחַיֵּי לִמְשִׁיחָא'.

**א** כִּי עִקַּר כְּלֵי-זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֹטֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ מח): "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ", וּמִשָּׁם עִקַּר חִיּוּתוֹ.

**אִיתָא** בְּסִפְרָא דִּצְנִיעוּתָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט אִין דִי בַּאהַאלְטֶענֶע סֵפֶר: **מְנוּקְבָא** פוּן דִי לָאךְ, **דְּפַרְדַּשְׁקָא** פוּן דִי נָאז, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא נָאךְ וֶועלְטְן וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן חֹטֶם - נָאז; פוּן דִי טִירְן פוּן דִי וֶועלְטְן - מָשַׁךְ רוּחָא דְּחַיֵּי לִמְשִׁיחָא קוּמְט דִי לֶעבְן פַאר מָשִׁיחַ.

**מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער**

**דֶער** רֶבִּי גֵייט דָאס אוּנְז גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין: כִּי עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ דִי גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ - הוּא הַתְּפִלָּה אִיז דַאוֶונֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט עֶר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, יֶעדֶער וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה יא, ט): 'כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ' דִי וֶועלְט וֶועט זַיין אָנְגֶעפִילְט 'דֵּעָה אֶת ה'' - מִיט וִויסְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט זַיין אַנְדֶערְשׁ דֶעמָאלְט - מֶער פוּן יֶעצְט אִין גָלוּת, נָאר דִי אֵיין זַאךְ, מֶען וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין אוּנְטֶערְטֶענִיגְט, מֶען וֶועט זַיין פְרֵיי, דִי מֹחַ וֶועט זַיין אוֹיסְגֶעלֵייזְט; מֶען וֶועט יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְן**

**שֶׁהוּא** בְּחִינַת חֹטֶם תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי וִוי דִי נָאז, מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי זַאךְ פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וֶועט וֶוערְן בַּיים מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִויכְטִיג וִוי אָטֶעמֶען. אַזוֹי וִוי דֶער נָאז אִיז דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִינֶעם לֶעבְּן, מִיטְן נָאז אָטֶעמְט מֶען, אַזוֹי אוֹיךְ תְּפִלָּה אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַארְן מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דִי לֶעבְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה מח, ט) 'וּתְהִלָּתִי' דָאס אִיז מַיין לוֹיבּ, וָואס מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען לוֹיבְּט מִיר - 'אֶחֱטָם לָךְ', אַז אִיךְ הַאלְט צוּרִיק מַיין צָארְן פוּן דִיר; אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס הָאט אַ גֶעזוּנְטֶע נָאז מִיט אַ לַאנְגֶע אָטֶעם אוּן וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס. אוּן דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אוֹיס: 'וּתְהִלָּתִי' דָאס וָואס אַ אִיד אִיז מִתְפַּלֵּל אוּן לוֹיבְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'אֶחֱטָם לָךְ' אִיז אַזוֹי וִוי דִי נָאז. דוּרְךְ תְּפִלָּה קוּמְט מֶען צוּ צוּ דִי מַדְרֵגָה פוּן אֲרִיכַת אַפַּיִם; וַוייל תְּפִלָּה בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה.

**וּמִשָּׁם** עִקַּר חִיּוּתוֹ אוּן פוּן דָארְט, פוּן תְּפִלָּה - אִיז זַיין עִיקָר לֶעבְּן. דָאס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אוּנְז מְגַלֶּה: 'מְנוּקְבָא דְּפַרְדַּשְׁקָא מָשַׁךְ רוּחָא דְּחַיֵּי לִמְשִׁיחָא', פוּן תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'חֹטֶם' - אִיז דִי לֶעבְּן פוּן מָשִׁיחַ.

**דֶעם אִיד'ס גֶעוֶוער**

**אִין** סֵפֶר קִיצוּר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (אוֹיף דִי תּוֹרָה) זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן מִיט אֵיין וָוארְט אַנְדֶערְשׁ: עִקַּר הַכְּלִי זַיִן

**וְכָל מִלְחֲמֹתוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבּוּשׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ — הַכֹּל מִשָּׁם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם יא): **"וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת ה'" וְכוּ'. זֶה בְּחִינַת חֹטֶם. וְזֶה עִקַּר כְּלֵי־זֵינוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (בְּרֵאשִׁית מח):

שֶׁל 'אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי' הוּא הַתְּפִלָּה, נִישְׁט נָאר מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער אִיז תְּפִלָּה, נָאר יֶעדְן אִיד'ס גֶעוֶוער – אִיז תְּפִלָּה. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ – הָאט עֶר אַ גוּטֶע גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט; מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מְנַצֵּחַ זַיין, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע, מִיט דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

### תְּפִלָּה מִיט גֶעדוּלְד

**אָבֶער** נָאר אַ תְּפִלָּה וָואס אִיז אַזוֹי וִוי דִי נָאז – אִיז אַ גֶעוֶוער; דִי נָאז וַוייזְט אוֹיף גֶעדוּלְד, אוֹיף אֲרִיכוּת אַפַּיִם; אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוּמְגֶעדוּלְדִיג, דָאס הֵייסְט מֶען בֶּעט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל – דֶעמָאלְט אִיז מֶען מְנַצֵּחַ; רוֹב מֶענְטְשְׁן וֶוערְן מִיד וֶוען זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט גְלַייךְ וִוי תְּפִלָּה הֶעלְפְט, מֶען לָאזְט אָפּ תְּפִלָּה. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דוּרְךְ תְּפִלָּה וָואס אִיז חֹטֶם, תְּפִלָּה מִיט אַ לַאנְגֶע אָטֶעם, תְּפִלָּה מִיט גֶעדוּלְד – אִיז מֶען מְנַצֵּחַ.

### וִוי אַזוֹי וֶועט מָשִׁיחַ אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט?

**וְכָל** מִלְחֲמֹתוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה אַלֶע זַיינֶע מִלְחָמוֹת, וְכָל הַכִּבּוּשׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ אוּן אַלֶעס וָואס עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען – הַכֹּל מִשָּׁם אַלֶעס וֶועט זַיין מִיט תְּפִלָּה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: 'מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט אָן קַיין אֵיין שָׁאס פּוּלְוֶוער', מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט קַיין בָּאמְבֶּעס, עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל דַאוֶונֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער; עֶס וֶועט זַיין אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע וֶועלְן בָּטֵל וֶוערְן צוּ אִים.

### אֱלָקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רַאיָ' אוֹיף דֶעם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם יא, ג): 'וַהֲרִיחוֹ' מָשִׁיחַ וֶועט שְׁמֶעקְן, '**בְּיִרְאַת ה'**', וֶוער עֶס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, **זֶה בְּחִינַת חֹטֶם** מָשִׁיחַ וֶועט זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן מִיט דִי אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם): 'וְלֹא לְמַרְאֵה עֵינָיו יִשְׁפּוֹט', עֶר וֶועט נִישְׁט מִשְׁפָּטְ'ן מִיט דִי אוֹיגְן, 'וְלֹא לְמִשְׁמַע אָזְנָיו', אוּן נִישְׁט לוֹיט וָואס עֶר הֶערְט, נָאר דוּרְךְ שְׁמֶעקְן מִיט דִי נָאז, וַוייל שְׁמֶעקְן אִיז דָאס מֶערְסְטֶע רוּחָנִיּוּת'דִיגֶע זַאךְ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת מג:): 'אֵיזֶהוּ דָּבָר שֶׁהַנְּשָׁמָה נֶהֱנֵית מִמֶּנּוּ וְאֵין הַגּוּף נֶהֱנֶה מִמֶּנּוּ, הֱוֵי אוֹמֵר זֶה הָרֵיחַ', דִי הֲנָאָה פוּן שְׁמֶעקְן גֵייט צוּ דִי נְשָׁמָה אוּן נִישְׁט צוּם גוּף; דָאס וֶועט זַיין בַּיי מָשִׁיחַ, עֶס וֶועט זַיין אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן רוּחָנִיּוּת אֱלָקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

### רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**וְזֶה** עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ אוּן דָאס אִיז מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער, מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁוֶוערְד אוּן נִישְׁט קַיין פַּייל אוּן בּוֹיגְן, מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער אִיז תְּפִלָּה. **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב**

אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מח, כב): 'בְּחַרְבִּי' מִיט מַיין שְׁווערְד, 'וּבְקַשְׁתִּי' אוּן מִיט מַיין בּוֹיגְן, וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י ווי רַשִׁ"י גִעבְּט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין: 'תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה' מִיט דַאוֶונֶען אוּן גֶעבֶּעט.

צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשָׁאסְן, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, מֶען פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן מֶען קֶען אִים בֶּעטְן, מֶען קֶען אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן.

**"בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה'. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים מד): "כִּי לֹא בְקַשְׁתִּי אֶבְטָח וְכוּ' בֵּאלֹהִים הִלַּלְנוּ", בְּחִינַת: "תְּהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ".**

**ב וְזֶה הַכְּלִי-זַיִן צָרִיךְ לְקַבֵּל עַל-יְדֵי בְּחִינַת יוֹסֵף, הַיְנוּ שְׁמִירַת הַבְּרִית, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים מה): "חֲגוֹר חַרְבְּךָ עַל יָרֵךְ", וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קלב):**

**מֶען** דַארְף פַארְשְׁטֵיין, פוּן וַואנֶעט נֶעמְט רַשִׁ"י אַז דִי חֶרֶב אוּן קֶשֶׁת פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז תְּפִלָּה? נָאר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קכג.) עֶס אִיז דָאךְ קְלָאר אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב אוּן אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מד, ז): 'כִּי לֹא בְקַשְׁתִּי אֶבְטָח' וְכוּ' אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מַיין בּוֹיגְן, אוֹיבּ אַזוֹי, וָואס זָאגְט יַעֲקֹב אָבִינוּ 'אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאט שְׁכֶם מִיט מַיין פַייל אוּן בּוֹיגְן?!' נָאר וָואס דֶען, מוּז זַיין אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ'ס פַייל אוּן בּוֹיגְן אִיז תְּפִלָּה, אַזוֹי ווי דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט: 'בִּצְלוֹתִי וּבְבָעוּתִי' מִיט מַיין תְּפִלָּה אוּן מַיין גֶעבֶּעט, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט דָארְט וַוייטֶער אִין תְּהִלִּים (שָׁם מד, ט) 'בֵּאלֹקִים הִלַּלְנוּ' מִיטְן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער; בְּחִינַת 'תְּהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ' דָאס הֵייסְט מִיט תְּפִלָּה - וֶועט מָשִׁיחַ אַיינְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵייין פוּן גָלוּת. דֶער גָלוּת אִיז אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם

**שְׁמִירַת הַבְּרִית**

**ב)** וְזֶה הַכְּלִי זַיִן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן דִי גֶעוֶוער פוּן תְּפִלָּה, פוּן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **צָרִיךְ** לְקַבֵּל קֶען מֶען נָאר בַּאקוּמֶען - עַל יְדֵי בְּחִינַת יוֹסֵף אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי ווי יוֹסֵף הַצַּדִּיק. הַיְנוּ שְׁמִירַת הַבְּרִית אַז מֶען הִיט אָפּ דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אַז מֶען הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה. ווייל ווען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט, מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן נָאךְ עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - וֶוערְט דִי מֹחַ פַארְדְרֵיידְט; מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן' (שְׁמוֹת יז, ז), אוּן אַז מֶען הָאט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט אִים נִישְׁט - קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען.

**רֵיינֶע אֱמוּנָה**

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רַאיָ' אַז נָאר דוּרְךְ שְׁמִירַת הַבְּרִית אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי גֶעוֶוער פוּן תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מה, ד): 'חֲגוֹר חַרְבְּךָ', גַארְטְל אָן דִי שְׁווערְד, 'עַל יָרֵךְ' אוֹיפְ'ן יֶרֶךְ, דָאס אִיז דֶער אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אַזוֹי ווי רַשִׁ"י

**"מִפְּרִי בִטְנְךָ אָשִׁית לְכִסֵּא לָךְ", זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, בְּחִינַת תְּפִלָּה, "אִם יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ בְּרִיתִי", הַיְנוּ עַל-יְדֵי בְּחִינַת יוֹסֵף:**

**וְיוֹסֵף שֶׁשָּׁמַר אֶת הַבְּרִית, נָטַל אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה,* בְּחִינוֹת פִּי שְׁנַיִם, כִּי הַתְּפִלָּה הוּא פִּי שְׁנַיִם, שְׁנַיִם — שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שִׁבְחוֹ שֶׁל מָקוֹם וּשְׁאֵלַת צְרָכָיו, וְהוּא בְּחִינַת** (תְּהִלִּים קמט): **"וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם",**

זָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כד, ב): 'שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי', אַז דָאס מֵיינְט מֶען אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, זֶעט מֶען פוּן דֶעם פָּסוּק אַז מֶען בַּאקוּמְט דִי חֶרֶב הַתְּפִלָּה אוֹיב מֶען הִיט דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט נָאךְ אַ רַאְיָ' אַז נָאר דוּרךְ שְׁמִירַת הַבְּרִית אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי גֶעוֶוער פוּן תְּפִלָּה, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב נָאךְ שְׁטֵייט, (תְּהִלִּים קלב, יא): 'מִפְּרִי בִטְנְךָ' פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, 'אָשִׁית' וֶועל אִיךְ לֵייגְן, 'לְכִסֵּא לָךְ' אוֹיף דַיין מְלוּכָה שְׁטִיל; זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ דָאס מֵיינְט מֶען מָשִׁיחַ, בְּחִינַת תְּפִלָּה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט תְּפִלָּה, 'אִם יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ' אוֹיב דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן הִיטְן, 'בְּרִיתִי' דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ; הַיְנוּ עַל יְדֵי בְּחִינַת יוֹסֵף אַז מֶען וֶועט זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִּיק. וַוייל מָשִׁיחַ'ס זַאךְ, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - גֵייט נָאר אוֹיב מֶען הִיט אָפּ אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ; נָאר מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה, מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית - הָאט מֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען הָאט אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה - בֶּעט מֶען יֶעדֶע זַאךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק נָאר אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

**תְּפִלָּה אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי**

**וְיוֹסֵף** שֶׁשָּׁמַר אֶת הַבְּרִית יוֹסֵף הַצַּדִּיק, וָואס הָאט גֶעהִיטְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - **נָטַל אֶת הַבְּכוֹרָה** הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּכוֹרָה, **שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה** וָואס דָאס אִיז תְּפִלָּה. **בְּחִינוֹת פִּי שְׁנַיִם** אַ בְּכוֹר בַּאקוּמְט צְוֵויי טֵיילְן פוּנֶעם טַאטְן'ס פַארְמֶעגְן, אַזוֹי אוֹיךְ תְּפִלָּה אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי; **כִּי הַתְּפִלָּה הוּא פִּי שְׁנַיִם** וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען צוּם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, **שְׁנַיִם** דַארְף מֶען דָאס אַיינְטֵיילְן אִין צְוֵויי חֲלָקִים; **שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שִׁבְחוֹ שֶׁל מָקוֹם** עֶרְשְׁטְנְס דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְדֶעם - **וּשְׁאֵלַת צְרָכָיו** בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. תְּפִלָּה קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן וֶוען עֶס אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי; נָאר אַז מֶען דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וַחֲסָדִים - קֶען מֶען בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער. וַוייל אַז מֶען קוּקְט אוֹיף צוּרִיק אוּן מֶען זֶעט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין גֶעהָאלְפְן - דָאס גֶעבְּט כֹּחַ צוּ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער. יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי בְּכוֹרָה, צוּ בַּאקוּמֶען 'פִּי שְׁנַיִם', דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה - נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען אוּן בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן אָפְּגֶעהִיטְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ.

**לוֹיבְּן אוּן בֶּעטְן**

**וְהוּא** בְּחִינוֹת (שָׁם קמט, ו): 'וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת

**בְּחִינוֹת שְׁתֵּי פִּיּוֹת, בְּחִינַת פִּי שְׁנַיִם. וְנִטַּל מֵרְאוּבֵן עַל-יְדֵי שֶׁחִלֵּל יְצוּעֵי אָבִיו, כִּי הִיא תָּלוּי בִּשְׁמִירַת הַבְּרִית:**

***וְעַל-כֵּן יוֹסֵף בִּשְׁבִיל שֶׁזָּכָה לִבְחִינַת תְּפִלָּה, שֶׁהִיא בְּחִינַת "תְּהִלָּתִי אֶחֱטָם", בְּחִינַת חִיּוּת הַנִּמְשָׁךְ מִנּוּקְבָא דְּפַרְדַּשְׁקָא כַּנַּ"ל, עַל-כֵּן נִקְרָא "בֵּן פֹּרָת יוֹסֵף", שֶׁהֵם בְּחִינַת תרפ"ו אוֹרוֹת, שֶׁהֵם שִׁבְעָה שֵׁמוֹת: ע"ב, ס"ג, מ"ה, ב"ן, קס"א, קנ"א, קמ"ג, שֶׁעוֹלִין**

בְּיָדָם' דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט 'רוֹמְמוֹת אֵ-ל בִּגְרוֹנָם', דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר הַאלְז, 'וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם', אוּן אַ שְׁוֶוערְד מִיט צְוֵויי שַׁארְפְן אִיז אִין זֵייעֶר הַאנְט. אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי חֲלָקִים; קוֹדֶם לוֹיבְּט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען וָואס מֶען דַארְף. אוּן דִי שְׁוֶוערְד פוּן צְוֵויי שַׁארְפְן, דָאס מֵיינְט מֶען תְּפִלָּה - וָואס אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי - וֶועט מַאכְן 'נְקָמָה בַּגּוֹיִם', וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט. מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ'ס שְׁוֶוערְד, וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינֶעם דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן **בְּחִינוֹת שְׁתֵּי פִּיּוֹת**, צֶעטֵייל דָאס דַאוֶונֶען אִין צְוֵויי, קוֹדֶם דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לוֹיבּ אִים אוֹיף אַלֶעס, אוּן נָאכְדֶעם בֶּעט אִים אוֹיף וָואס דוּ דַארְפְסְט, **בְּחִינוֹת פִּי שְׁנַיִם** אַזוֹי וִוי דֶער בְּכוֹר בַּאקוּמְט טָאפְּלְט, צְוֵויי חֲלָקִים.

**יוֹסֵף** הַצַּדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם אַלֶעם, נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶעהִיטְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, **וְנִטַּל מֵרְאוּבֵן** עֶר הָאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי בְּכוֹרָה פוּן רְאוּבֵן, **עַל יְדֵי שֶׁחִלֵּל יְצוּעֵי אָבִיו** וַוייל רְאוּבֵן הָאט פַארְשְׁוֶועכְט יַעֲקֹב אָבִינוּ'ס בֶּעט, וָואס אִיז אַ פְּגַם אִין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, **כִּי הִיא תָּלוּי** וַוייל דִי בְּכוֹרָה, דָאס מֵיינְט מֶען תְּפִלָּה, אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען - **בִּשְׁמִירַת הַבְּרִית** אִין אָפְּהִיטְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ.

**דִי הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת**

**וְעַל כֵּן** דֶערְפַאר, **יוֹסֵף** יוֹסֵף הַצַּדִּיק, **בִּשְׁבִיל שֶׁזָּכָה לִבְחִינַת תְּפִלָּה** וִויבַּאלְד עֶר הָאט אָפְּגֶעהִיטְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ תְּפִלָּה. **שֶׁהִיא בְּחִינַת 'תְּהִלָּתִי אֶחֱטָם'** צוּ אַזַא שְׁטַארְקֶע תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דִי נָאז וָואס אִיז דִי אָטֶעם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; **בְּחִינַת חִיּוּת הַנִּמְשָׁךְ מִנּוּקְבָא דְּפַרְדַּשְׁקָא כַּנַּ"ל** יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶעבְּן מִיט תְּפִלָּה אוּן צוּ אֲרִיכַת אַפַּיִם מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. **עַל כֵּן** דֶערְפַאר, **נִקְרָא** וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן: **'בֵּן פֹּרָת יוֹסֵף'** (בְּרֵאשִׁית מט, כב). דָאס וָוארְט פֹּרָת בַּאטְרֶעפְט זֶעקְס הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן אַכְצִיג, **שֶׁהֵם בְּחִינַת תרפ"ו אוֹרוֹת** וָואס דָאס וֵוייזְט אוֹיף דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן אַכְצִיג לִיכְטִיגְקֵייטְן, **שֶׁהֵם שִׁבְעָה שֵׁמוֹת** וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי זִיבְּן הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת: **ע"ב, ס"ג, מ"ה, ב"ן, קס"א, קנ"א, קמ"ג** אַז מֶען רֶעכְנְט צַאם דִי צָאל פוּן דִי זִיבְּן שֵׁמוֹת - **שֶׁעוֹלִין תרפ"ו** קוּמְט

דָאס אוֹיס זֶעקְס הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן אַכְצִיג, שֶׁמְּקַבֵּל מְנוּקְבָא דְּפַרְדַּשְׁקָא וָואס שַׁיינְט פוּן דִי עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, כִּי פַּרְדַּשְׁקָא ווייל פַּרְדַּשְׁקָא, בְּגִימַטְרִיָּא בַּאטְרֶעפְט: תרפ"ו זֶעקְס הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן אַכְצִיג.

**תרפ"ו, שֶׁמְּקַבֵּל מְנוּקְבָא דְּפַרְדַּשְׁקָא, כִּי פַּרְדַּשְׁקָא בְּגִימַטְרִיָּא תרפ"ו:**

### דָאס שַׁיין פוּן דִי הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת

**דֶער** רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ. אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט עֶפְנְט זִיךְ אִים אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן זֶען פַאר זִיךְ הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת, דִי פִיר שֵׁמוֹת פוּן דִי פִיר וֶועלְטְן: אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה אוּן עֲשִׂיָּה. דִי עֶרְשְׁטֶע שֵׁם אִיז שֵׁם ע"ב; דָאס אִיז דִי שֵׁם הַוַיָ' בָּרוּךְ הוּא גֶעשְׁרִיבְּן מִיט פִיר יוּדְ'ן, אַזוֹי: יוּ"ד הֵ"י וָי"ו הֵ"י, וָואס בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג, דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן עוֹלָם הָאֲצִילוּת. דִי צְווייטֶע שֵׁם אִיז שֵׁם ס"ג, דָאס אִיז דִי שֵׁם הַוַיָ' בָּרוּךְ הוּא גֶעשְׁרִיבְּן מִיט דְרֵיי יוּדְ'ן אוּן אֵיין אַלֶ"ף, אַזוֹי: יוּ"ד הֵ"י וָא"ו הֵ"י, וָואס בַּאטְרֶעפְט דְרֵיי אוּן זֶעכְצִיג, דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן עוֹלָם הַבְּרִיאָה. דִי דְרִיטֶע שֵׁם, אִיז שֵׁם מ"ה, דָאס אִיז דִי שֵׁם הַוַיָ' בָּרוּךְ הוּא גֶעשְׁרִיבְּן מִיטְן אוֹת אַלֶ"ף, אַזוֹי: יוּ"ד הֵ"א וָא"ו הֵ"א, וָואס בַּאטְרֶעפְט פִינְף אוּן פֶערְצִיג, דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן עוֹלָם הַיְצִירָה. אוּן דִי פֶערְטֶע שֵׁם אִיז שֵׁם ב"ן, דָאס אִיז דִי שֵׁם הַוַיָ' בָּרוּךְ הוּא גֶעשְׁרִיבְּן מִיטְן אוֹת ה', אַזוֹי: יוּ"ד הֵ"ה וָ"ו הֵ"ה, וָואס בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי אוּן פוּפְצִיג, דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה.

### דִי קְרוֹינֶען שַׁיינֶען

**אוֹיךְ** הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן דִי דְרֵיי שֵׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַזוֹי ווִי קְרוֹינֶען, דִי עֶרְשְׁטֶע קְרוֹין, שֵׁם קס"א, דָאס אִיז דִי שֵׁם אקי"ק גֶעשְׁרִיבְּן מִיט יוּדְ'ן, אַזוֹי: אַלֶ"ף הֵ"י יוּ"ד הֵ"י, וָואס בַּאטְרֶעפְט הוּנְדֶערְט אֵיין אוּן זֶעכְצִיג. דִי צְווייטֶע קְרוֹין, שֵׁם קנ"א, דָאס אִיז דִי שֵׁם אקי"ק גֶעשְׁרִיבְּן מִיטְן אוֹת ה', אַזוֹי: אַלֶ"ף הֵ"ה יוּ"ד הֵ"ה, וָואס בַּאטְרֶעפְט הוּנְדֶערְט אֵיין אוּן פוּפְצִיג. אוּן דִי דְרִיטֶע קְרוֹין שֵׁם קמ"ג, דָאס אִיז דִי שֵׁם אקי"ק גֶעשְׁרִיבְּן מִיטְן אוֹת א', אַזוֹי: אַלֶ"ף הֵ"א יוּ"ד הֵ"א, וָואס בַּאטְרֶעפְט הוּנְדֶערְט דְרֵיי אוּן פֶערְצִיג.

**אַז** מֶען רֶעכְנְט צַאם דִי אַלֶע שֵׁמוֹת אִינְאֵיינֶעם - בַּאטְרֶעפְט דָאס תרפ"ו; צוּ דֶעם הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק זוֹכֶה גֶעוֶוען, דֶערִיבֶּער זָאגְט דִי תּוֹרָה 'בֵּן פּוֹרָת יוֹסֵף', יוֹסֵף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן פּוֹרָ"ת, עֶס הָאט גֶעשַׁיינְט אוֹיף אִים דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן אַכְצִיג לִיכְט, אוּן צוּ דֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער; יֶעדֶע זַאךְ בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין, קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - קֶען מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין אַז עֶס הוֹיבְּט אָן לִיכְטִיג וֶוערְן, מֶען הוֹיבְּט אָן מְיַיחֵד זַיין יִחוּדִים.

**ג וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לַחֶרֶב הַזֶּה, צָרִיךְ לֵידַע אֵיךְ לְלָחֵם עִם הַחֶרֶב, שֶׁלֹּא יַטֶּה אוֹתָהּ לְיָמִין אוֹ לִשְׂמֹאל, וְשֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא:**

**וְזֶה אִי־אֶפְשָׁר אֶלָּא עַל־יְדֵי בְּחִינוֹת מִשְׁפָּט, כִּי**

**צְוֵויי קְלִיפּוֹת**

ג) **וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לַחֶרֶב הַזֶּה** וֶוער עֶס הָאט דִי שְׁוֶוערְד, וֶוער עֶס אִיז עוֹסֵק אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת – **צָרִיךְ לֵידַע** דַארְף וִויסְן, **אֵיךְ לְלָחֵם** וִוי אַזוֹי צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן, **עִם הַחֶרֶב** מִיט דִי שְׁוֶוערְד, **שֶׁלֹּא יַטֶּה אוֹתָהּ לְיָמִין אוֹ לִשְׂמֹאל** נִישְׁט צוּ בֵּייגְן דֶעם שְׁוֶוערְד נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶונֶען, עֶר ווִיל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – קוּמֶען צְוֵויי קְלִיפּוֹת אִים שְׁטֶערְן עֶר זָאל נִישְׁט דַאוֶונֶען, אַ רֶעכְטֶע קְלִיפָּה מִיט אַ לִינְקֶע קְלִיפָּה. דִי רֶעכְטֶע קְלִיפָּה זָאגְט: 'וָואס דַארְפְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט – אִיז דָאךְ נָאר גוּט!' אוֹיךְ זָאגְט דִי קְלִיפָּה: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס, וָואס דַארְפְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים?' דָאס אִיז טַאקֶע אֱמֶת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס צוּם גוּטְן אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר זָאלְן דַאוֶונֶען אוּן אִים בֶּעטְן; דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת אִיז קְלִפַּת יִשְׁמָעֵאל. נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ לִינְקֶע קְלִיפָּה, קְלִפַּת עֵשָׂו, אַ קְלִיפָּה פוּן כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת וָואס לֵייקְנְט אִין אַלֶעס, דִי קְלִיפָּה פַארְדְרֵיידְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס הָאסְטוּ צוּ דַאוֶונֶען? קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס', חַס וְשָׁלוֹם.

**צִילְן צוּם פּוּנְקְט**

**דֶערִיבֶּער**, וֶוער עֶס נֶעמְט דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה, דַארְף הַאלְטְן דִי שְׁוֶוערְד שְׁטַארְק, נִישְׁט זִיךְ לָאזְן בֵּייגְן נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, נִישְׁט ווֶערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִי רֶעכְטֶע אוּן לִינְקֶע מַחֲשָׁבוֹת, **וְשֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה** נָאר צִילְן צוּם פּוּנְקְט, שְׁטֶעכְן מִיט'ן שְׁוֶוערְד אַ שְׁטֶעךְ נָאךְ אַ שְׁטֶעךְ, אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל. **וְלֹא יַחֲטִא** אֲפִילוּ עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייעְן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, זָאל עֶר ווַייטֶער שְׁטֶעכְן מִיט'ן שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אָן קַיין אוֹיפְהֶער, צִילְן צוּם פּוּנְקְט, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – דַארְף דָאס זַיין מִיט תַּחֲנוּנִים, מִיט גֶעבֶּעט. מֶען בֶּעט אַ מַתְּנַת חִנָּם, נִישְׁט אַז מֶען הַאלְט 'עֶס קוּמְט מִיר', נָאר בִּלְשׁוֹן תַּחֲנוּנִים: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אַ מַתְּנַת חִנָּם; אִיךְ וֵוייס עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וַוייל דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים, בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת אוּן גֶעבּ מִיר אַ יְשׁוּעָה'; אוֹיבּ מֶען אִיז אַן עַקְשָׁן, מֶען הַאלְט דִי שְׁוֶוערְד צוּם פּוּנְקְט, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף – בַּאקוּמְט מֶען דִי יְשׁוּעָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט**

**וְזֶה אִי אֶפְשָׁר** אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען, **אֶלָּא עַל יְדֵי בְּחִינוֹת מִשְׁפָּט** נָאר אַז מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ; מֶען מַאכְט זִיךְ אַ

חֶשְׁבּוֹן: ׳דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איז דאך אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, עֶר טוּט מִיט מִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס, און אוֹיךְ דָאס וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ, מַיינֶע שְׁוֶועריִקְייטְן – אִיז נָאכְנִישְׁט עֶק וֶועלְט, און אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועל אִיךְ אַרוֹיסְגֵיין פון די צָרוֹת׳; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּם חֶרֶב הַתְּפִלָּה, אַז מֶען ווייסְט אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט – אִיז גֶערֶעכְט, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה.

**נִישְׁט רֶעכְטְס**

**און נִישְׁט לִינְקְס**

**כִּי מִשְׁפָּט הוּא עַמּוּדָא דְאֶמְצָעוּתָא** ווייל מִשְׁפָּט איז דער מִיטֶלְסְטֶער זוֹיל; די מִדָּה פון חֶסֶד, וֶוען עס גֵייט גוּט – אִיז רֶעכְטְס, און די מִדָּה פון גְּבוּרָה, וֶוען עס איז פַארְקֶערְט פון גוּטְס – אִיז לִינְקְס, און מִשְׁפָּט וָואס איז תְּפִלָּה – שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, **הַיְנוּ שֶׁקּוֹלֵעַ עִם כְּלֵי זֵינוֹ אֶל הַמָּקוֹם הַצָּרִיךְ** מֶען צִילְט דֶעם גֶעוֶוער צוּם פְּלַאץ וואו מֶען דַארְף, **וְאֵינוֹ מַטֶּה** און מֶען בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט, **לְיָמִין** נִישְׁט צוּ רֶעכְטְס, **וְלֹא לִשְׂמֹאל** און נִישְׁט צוּ לִינְקְס; סַיי וֶוען עס איז מִיר גוּט, סַיי וֶוען עס איז נִישְׁט גוּט – בְּלַייבּ אִיךְ שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, **אֶלָּא לָאֶמְצַע** מֶען בְּלַייבְּט אִינְדֶערְמִיט מִיט עַקְשָׁנוּת; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיטְן שְׁוֶוערְד

**׳מִשְׁפָּט הוּא עַמּוּדָא דְּאֶמְצָעִיתָא׳, הַיְנוּ שֶׁקּוֹלֵעַ עִם כְּלֵי־זֵינוֹ אֶל הַמָּקוֹם הַצָּרִיךְ, וְאֵינוֹ מַטֶּה לְיָמִין וְלֹא לִשְׂמֹאל, אֶלָּא לָאֶמְצַע, וְזֶה בְּחִינַת** (תְּהִלִּים קיב): **"יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט":**

**וּבִשְׁבִיל זֶה קִבֵּל יוֹסֵף אֶת הַבְּכוֹרָה דַּוְקָא מִיַּעֲקֹב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (בְּרֵאשִׁית מח): **"וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ" וְכוּ׳, "אֲנִי" דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט.**

פון תְּפִלָּה. **וְזֶה בְּחִינַת** דָאס איז וָואס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קיב, ה): **׳יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט׳** דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אוֹיס: עֶר גֶעבְּט כֹּחַ פַאר זַיין דִיבּוּר׳ פון תְּפִלָּה, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מִשְׁפָּט זִיךְ.

**די מִדָּה פון תִּפְאֶרֶת**

**וּבִשְׁבִיל זֶה** און דֶערִיבֶּער, **קִבֵּל יוֹסֵף** הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק בַּאקוּמֶען, **אֶת הַבְּכוֹרָה** די בְּכוֹרָה, **דַּוְקָא מִיַּעֲקֹב** דַוְקָא פון יַעֲקֹב אָבִינוּ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מח, כב): **׳וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ׳ וְכוּ׳,** אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן, **׳אֲנִי׳ דַּיְקָא** דַוְקָא פון מִיר יַעֲקֹב אָבִינוּ, וָואס יַעֲקֹב איז דֶער מִיטְלְסְטֶער זוֹיל פון די אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, ווייל אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט די מִדָּה פון חֶסֶד, דָאס איז רֶעכְטְס, יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט די מִדָּה פון גְּבוּרָה, פַארְקֶערְט פון רֶעכְטְס, אָבֶּער יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט די מִדָּה פון תִּפְאֶרֶת, דָאס איז אִינְדֶערְמִיט, דָאס איז שְׁלֵימוּת; דָאס זָאגְט יַעֲקֹב פַאר יוֹסֵף, אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן די בְּכוֹרָה, וָואס איז פִּי שְׁנַיִם, וָואס איז עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, קֶענְסְטוּ דָאס נָאר בַּאקוּמֶען פון מִיר דַּיְקָא, דָאס הֵייסְט – **שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט** אַז מֶען איז שְׁטַארְק צוּ בְּלַייבְּן שְׁטֵיין אִינְדֶערְמִיט, נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט אָפְּלָאזְן

**וְזֶה** (תְּהִלִּים פא): "כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא", בְּחִינַת בְּרִית, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "חֹק בִּשְׁאֵרוֹ שָׂם", "מִשְׁפָּט לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב", הַיְנוּ שֶׁצָּרִיךְ יוֹסֵף לְקַבֵּל זֹאת הַחֶרֶב מִבְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּדֵי שֶׁיְּכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט. וְזֶה (תְּהִלִּים עב): "מִשְׁפָּטֶיךָ לְמֶלֶךְ תֵּן", שֶׁמָּשִׁיחַ יְקַבֵּל מִבְּחִינַת מִשְׁפָּט:

**ד** וְעַל-יְדֵי מַה זוֹכֶה לִבְחִינַת מִשְׁפָּט? עַל-יְדֵי צְדָקָה, שֶׁעַל-יְדֵי צְדָקָה אוֹחֲזִין בְּמִדַּת

די אֱמוּנָה; סֵיי עֶס גֵייט גוּט, אוּן סֵיי פַארְקֶערְט – נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּכוֹרָה.

**תְּפִלָּה גֵייט נָאר מִיט אֱמוּנָה**

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט יֶעצְט אַ רַאְיָ' אַז מֶען קֶען זַיין שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה נָאר אוֹיבּ מֶען הָאלְט בַּיי מִשְׁפָּט, מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וְזֶה דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פא, ה): 'כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא' עֶס אִיז אַ גֶעזֶעץ פוּן בַּאשֶׁעפֶער צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער; בְּחִינַת בְּרִית דָאס וָוארְט 'חֹק' מֵיינְט 'בְּרִית מִילָה', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי מִיר זָאגְן אִין דִי בְּרָכָה בַּיי אַ בְּרִית מִילָה: 'חֹק בִּשְׁאֵרוֹ שָׂם' דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם לֵייבּ, 'מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב', עֶס אִיז אַ טָאג פוּן מִשְׁפָּט פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער פוּן יַעֲקֹב. הַיְנוּ שֶׁצָּרִיךְ יוֹסֵף לְקַבֵּל זֹאת הַחֶרֶב יוֹסֵף וָואס וַוייזְט אוֹיף שְׁמִירַת הַבְּרִית, דַארְף נֶעמֶען דֶעם שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה, מִבְּחִינַת מִשְׁפָּט פוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גוּט, כְּדֵי שֶׁ'יְּכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט', נָאר אַז מֶען הָאט מִשְׁפָּט, מֶען 'מִשְׁפָּט' זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ – קֶען מֶען זַיין שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, מֶען קֶען נָאר זוֹכֶה זַיין צוּ מִשְׁפָּט, צוּ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, דוּרְךְ שְׁמִירַת הַבְּרִית, וְזֶה אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים עב, א): 'מִשְׁפָּטֶיךָ' דִי חָכְמָה פוּן מִשְׁפָּט – 'לְמֶלֶךְ תֵּן' זָאלְסְטוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבְּן פַארְ'ן קֶענִיג, פַארְ'ן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ. שֶׁמָּשִׁיחַ יְקַבֵּל מִבְּחִינַת מִשְׁפָּט וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט הָאבְּן דִי זַאךְ פוּן מִשְׁפָּט, מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, יֶעדֶער וֶועט ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט, מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער וֶועט זַיין שְׁטַארְק מִיטְן חֶרֶב הַתְּפִלָּה, מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

**די מִצְוָה פוּן צְדָקָה**

ד) וְעַל יְדֵי מָה זוֹכֶה לִבְחִינַת מִשְׁפָּט ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט מִשְׁפָּט, אַלֶעס אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט? עַל יְדֵי צְדָקָה דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. שֶׁעַל יְדֵי צְדָקָה וַוייל דוּרְךְ גֶעבְּן צְדָקָה, אוֹחֲזִין בְּמִדַּת הַמִּשְׁפָּט הָאלְט מֶען בַּיי דִי מִדָּה פוּן מִשְׁפָּט. וַוייל אַז מֶען גֶעבְּט אַוֶועק דִי גֶעלְט פַאר אַ צְוֵייטְן – אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא אַז עֶר וֶועט

הַמִּשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים לג): "צִדְקַת ה' עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו", וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים צט): "מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב" וְכוּ'. כִּי צְדָקָה הוּא עַל-יְדֵי מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם עה): "אֱלֹהִים שׁוֹפֵט זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים", שֶׁמּוֹרִישׁ לָזֶה, וּמַעֲשִׁיר לָזֶה, וּכְשֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה הוּא בִּבְחִינַת "זֶה יַשְׁפִּיל", שֶׁמְּחַסֵּר מָמוֹנוֹ, וּבִבְחִינַת "וְזֶה יָרִים", שֶׁמַּעֲשִׁיר לֶעָנִי. נִמְצָא, שֶׁאוֹחֵז עַל-יְדֵי זֶה בְּמִדַּת מִשְׁפָּט.

**וּבִשְׁבִיל** זֶה צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה (בָּבָא בַּתְרָא י. וּבְשֻׁלְחָן עָרוּךְ

בְּלַייבְּן אָן קַיין גֶעלְט. קוּמְט אוֹיס, אַז דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה בְּרֶענְגְט מִשְׁפָּט, מֶען וֶוערְט שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן וָואס עֶר מַאכְט אִיז גוּט.

**צְדָקָה בְּרֶענְגְט צוּ אֱמוּנָה**

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רַאְיָ' אַז דוּרְךְ גֶעבְּן צְדָקָה קוּמְט מֶען צוּ מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים לג, כא): 'צִדְקַת ה' עָשָׂה' מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטוּן צְדָקָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דִי מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן רִיכְטִיג, 'וּמִשְׁפָּטָיו' אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעלֶערְנְט דִי מִשְׁפָּטִים אוּן דִינִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט דִי אִידְן; זֶעט מֶען אַז 'צְדָקָה' בְּרֶענְגְט צוּ 'מִשְׁפָּט', נָאךְ אַ רַאְיָ' אַז צְדָקָה בְּרֶענְגְט מִשְׁפָּט, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צט, ד): 'מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב' וְכוּ' יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט בֵּיידֶע זַאכְן, מִשְׁפָּט אוּן צְדָקָה. כִּי צְדָקָה הוּא עַל יְדֵי מִשְׁפָּט וַוייל וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה אִיז דָאס אַזוֹי וִוי אַ מִשְׁפָּט, וָואס מֶען נֶעמְט אַוֶועק פוּן אֵיינֶעם אוּן מֶען גֶעבְּט פַאר אַ צְוֵוייטְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם עה, ח): 'אֱלֹקִים שׁוֹפֵט' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִשְׁפָּט דִי

וֶועלְט, 'זֶה יַשְׁפִּיל' דֶעם דֶערְנִידֶערְט עֶר, 'וְזֶה יָרִים' אוּן דֶעם דֶערְהֵייבְּט עֶר; שֶׁמּוֹרִישׁ לָזֶה אֵיינֶעם מַאכְט עֶר אָרֶעם, וּמַעֲשִׁיר לָזֶה אוּן דֶעם צְוֵוייטְן מַאכְט עֶר רַייךְ. וּכְשֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה אוּן וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה, הוּא בִּבְחִינַת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי 'זֶה יַשְׁפִּיל', שֶׁמְּחַסֵּר מָמוֹנוֹ אֵיינֶעם דֶערְנִידֶערְן, אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זַיין גֶעלְט, וּבִבְחִינַת אוּן אוֹיךְ אַזוֹי וִוי - 'וְזֶה יָרִים', שֶׁמַּעֲשִׁיר לֶעָנִי אַ צְוֵוייטְן אוֹיפְהֵייבְּן, דוּרְךְ גֶעבְּן גֶעלְט, נִמְצָא קוּמְט אוֹיס, שֶׁאוֹחֵז עַל יְדֵי זֶה אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה – קוּמְט מֶען צוּ בְּמִדַּת מִשְׁפָּט דִי זַאךְ פוּן מִשְׁפָּט.

**גֶעבְּן צְדָקָה פַאר'ן דַאוֶונֶען**

**וּבִשְׁבִיל** זֶה דֶערִיבֶּער צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה דַארְף מֶען גֶעבְּן צְדָקָה – קֹדֶם הַתְּפִלָּה אֵיידֶער מֶען גֵייט דַאוֶונֶען (בָּבָא בַּתְרָא דַף י. וּבְשֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן צב, סְעִיף י). אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הִלְכוֹת מַתְּנַת עֲנִיִּים פֶּרֶק י, הֲלָכָה טו): 'גְּדוֹלֵי הַחֲכָמִים הָיוּ נוֹתְנִין פְּרוּטָה לֶעָנִי קֹדֶם כָּל תְּפִלָּה, וְאַחַר כָּךְ מִתְפַּלְּלִין', דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פְלֶעגְן גֶעבְּן – אֵיידֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶונֶען – אַ פְּרוּטָה פַאר אַן אָרֶעמַאן, אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט

אֹרַח חַיִּים סִימָן צב סְעִיף י), כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט, שֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא:

וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא בַּתְרָא קכג.): 'לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף? בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ. מָשָׁל לְבַעַל הַבַּיִת שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ' וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית מז): "וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף", כְּמוֹ (יְחֶזְקֵאל כא): "הַטֵּף אֶל דָּרוֹם", (לְשׁוֹן דִּבּוּר). "לְפִי הַטָּף", הַיְנוּ שֶׁהָיָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו עַל-יְדֵי הַצְּדָקָה, וְעַל-יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה, נָתַן לוֹ

---

דאַוֶוענֶען, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט צוּ קֶענֶען דאַוֶוענֶען אַזוֹי ווי מֶען דאַרף. שֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה צִילְן צוּם פּוּנְקְט, בְּלַייבְּן שְׁטאַרְק מִיט תְּפִלָּה, בֶּעטְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, וְלֹא יַחֲטִא און נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם צִיל. און אֲפִילוּ עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג און מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה - זָאל מֶען חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְהַרְהֵר זַיין אוֹיף'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר ווייטֶער גְלֵייבְּן אַז עֶר פִּירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט!

**יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעבְּט צְדָקָה**

**וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (בָּבָא בַּתְרָא קכג.) יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: 'לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף' פַארְוָואס הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דִי בְּכוֹרָה פַאר יוֹסֵף הַצַּדִּיק? 'בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ' ווייל יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעשְׁפַּייזְט יַעֲקֹב וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן דִי הוּנְגֶער אִין מִצְרַיִם און אוֹיף דִי וֶועלְט. 'מָשָׁל לְבַעַל הַבַּיִת שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ' וְכוּ' אַ מָשָׁל צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס הָאט אוֹיפְגֶעצוֹיגְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב אַ יָתוֹם, און מִיט דִי צַייט אִיז דֶער יָתוֹם רַייךְ גֶעוָוארְן, הָאט דֶער יָתוֹם גֶעזָאגְט: 'יֶעצְט וֶועל אִיךְ גֶעבְּן פַארְן בַּעַל הַבַּיִת פוּן מַיין פַארְמֶעגְן', עַיֵּין שָׁם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מז, יב): 'וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם' יוֹסֵף הָאט גֶעשְׁפַּייזְט זַיין טַאטֶע מִיט דִי בְּרִידֶער. יוֹסֵף אִיז אַזוֹי ווי דֶער בַּעַל הַבַּיִת, און יַעֲקֹב - אַזוֹי ווי דֶער יָתוֹם, וּבִזְכוּת דִי צְדָקָה וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט זַיין טַאטֶע און מִיט דִי בְּרִידֶער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ תְּפִלָּה, 'לְפִי הַטָּף' עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה. אַ רַאְיָ' אַז טָף מֵיינְט תְּפִלָּה, כְּמוֹ (יְחֶזְקֵאל כא, ב) אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט: 'הַטֵּף אֶל דָּרוֹם', (לְשׁוֹן דִּבּוּר) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא, 'הַטֵּף אֶל דָּרוֹם' זָאג נְבוּאָה צוּ דָּרוֹם זַייט; זֶעט מֶען אַז טָף אִיז אַ לְשׁוֹן פוּן רֶעדְן.

**דוּרךְ צְדָקָה קֶען מֶען דאַוֶוענֶען**

**יֶעצְט** נֶעמְט דֶער רֶבִּי צוּזַאם דִי תּוֹרָה. יוֹסֵף הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען 'לְפִי הַטָּף' צוּ תְּפִלָּה, הַיְנוּ שֶׁהָיָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ תְּפִלָּה עַל יְדֵי הַצְּדָקָה דוּרךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה, וְעַל יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה און דוּרךְ דִי צְדָקָה וָואס יוֹסֵף - דֶער בַּעַל הַבַּיִת - הָאט גֶעטוּן מִיט יַעֲקֹב, נָתַן לוֹ יַעֲקֹב הָאט יַעֲקֹב

– דֶער יָתוֹם, וָואס אִיז רַייךְ גֶעוָוארְן, גֶעגֶעבְּן פַאר יוֹסֵף, דֶער בַּעַל הַבַּיִת – דִי בְּכוֹרָה, דָאס מֵיינְט מֶען תְּפִלָּה וָואס אִיז פִּי שְׁנַיִם. וַוייל דִי מִדָּה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ – **שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט** אִיז מִשְׁפָּט, תִּפְאֶרֶת, וָואס אִיז צְוִוישְׁן חֶסֶד אוּן גְבוּרָה, **אֶת הַבְּכוֹרָה** דִי בְּכוֹרָה, **שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה** דָאס מֵיינְט מֶען תְּפִלָּה. **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מח, כב): **'וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם'** אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן שְׁכֶם, **'אֲנִי' דַּיְקָא** דִי פָּסוּק דְרוּקְט אֲנִי, אִיךְ יַעֲקֹב – **שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט** וָואס אִיךְ בִּין מִשְׁפָּט, בֶּעטְשְׁט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּפִלָּה, אַלֶעס בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דוּרְךְ מִשְׁפָּט וֶוערְט לִיכְטִיג**

**ה)** **וְעִקָּר שֶׁל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת** וָואס בְּרֶענְגְט צוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען? **הֵם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַמִּשְׁפָּט** דוּרְךְ דִי קֻשְׁיוֹת וָואס עֶר הָאט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען; וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, עֶר וָואלְט יֶעדֶע זַאךְ גֶעבֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְט יֶעדֶע זַאךְ, עֶר וָואלְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֶעדִירְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע, וָואלְט אִים גֶעוֶוען לִיכְטִיג.

**יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט, אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם", "אֲנִי" דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט:**

**ה וְעִקָּר שֶׁל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת הֵם עַל־יְדֵי קִלְקוּל הַמִּשְׁפָּט, כִּי מִשְׁפָּט הוּא בְּחִינַת עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (בְּרֵאשִׁית יד)**: "וַיָּבֹאוּ אֶל עֵין מִשְׁפָּט", זֶה בְּחִינוֹת** (דְּבָרִים לג)**: "עֵין יַעֲקֹב". וְעַל־יְדֵי קִלְקוּל מִשְׁפָּט בָּא קִלְקוּל לָעֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (דְּבָרִים טז)**:**

**כִּי מִשְׁפָּט הוּא בְּחִינַת עֵינַיִן** וַוייל דוּרְךְ מִשְׁפָּט וֶוערְט לִיכְטִיג דִי אוֹיגְן, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּם מֶענְטְשׁ, סַיי וֶוען עֶס אִיז חֶסֶד, סַיי וֶוען עֶס אִיז גְבוּרָה, אַלֶעס אִיז פַאר זַיין גוּטְס – דָאס בְּרֶענְגְט לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ. **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יד, ז): **'וַיָּבֹאוּ אֶל עֵין מִשְׁפָּט'**, זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי פְּלַאץ וָואס הֵייסְט עֵין מִשְׁפָּט, זֶעט מֶען אַז וֶוען מֶען הַאלְט בַּיי מִשְׁפָּט בַּאקוּמְט מֶען אוֹיגְן; **זֶה בְּחִינַת** דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט (דְּבָרִים לג, כח): **'עֵין יַעֲקֹב'** יַעֲקֹב אָבִינוּ, וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מִשְׁפָּט, דִי מִדָּה פוּן תִּפְאֶרֶת, הָאט בַּאקוּמֶען 'עַיִן', אוֹיגְן צוּ זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דִי וָואלְקֶענֶעס פַארְשְׁטֶעלְן**

**וְעַל יְדֵי קִלְקוּל מִשְׁפָּט** אָבֶּער אַז מֶען הָאט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **בָּא קִלְקוּל לָעֵינַיִן** פַארְמַאכְט זִיךְ דִי אוֹיגְן, מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ. אוּן אַז מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶערְט מֶען אוֹיף רֶעדְן צוּ אִים, מֶען פַארְלִירְט דִי חֶרֶב הַתְּפִלָּה. **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים טז, יט): **'כִּי**

**"כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים", זֶה בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה, שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (אֵיכָה ג)**: "סַכּוֹתָה בֶעָנָן לָךְ" וְכוּ'.**

הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים' שֹׁחַד מַאכְט בְּלִינְד, ווַייל דוּרְךְ שֹׁחַד ווערְט אוֹיס דִי מִשְׁפָּט, דָאס אִיז דָאךְ דֶער צִיל פוּן גֶעבְּן שֹׁחַד, אַוֶועק צוּ דְרֵייעֶן דִי אֱמֶת'עֶ מִשְׁפָּט, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא מִשְׁפָּט - ווֶערְט מֶען בְּלִינְד, מֶען זֶעט שׁוֹין נִישְׁט אֱלֹקוּת, זֶה בְּחִינַת דָאס בְּרֶענְגְט: מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען. שֶׁהֵם עֲנָנִין דָאס זֶענֶען ווָאלְקֶענֶעס, דִּמְכַסִּין עַל עֵינַיִן ווָאס פַארְשְׁטֶעלְן דִי אוֹיגְן. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, מד): 'סַכּוֹתָה בֶעָנָן לָךְ' וְכוּ' דוּ הָאסְט זִיךְ בַּאדֶעקְט מִיט אַ ווָאלְקְן, 'מֵעֲבוֹר תְּפִלָּה' אַז דִי תְּפִלָּה זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַדוּרְכְגֵיין. דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי ווִי ווָאלְקֶענֶעס ווָאס פַארְדֶעקְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי זוּן, אַזוֹי אוֹיךְ דִי קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶער פַארְשְׁטֶעלְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זֶען אֱלֹקוּת, אַזוֹי ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט (אוֹת ג), אִיז דָא צְווֵיי קְלִיפּוֹת, עֵשָׂו אוּן יִשְׁמָעֵאל; דִי קְלִיפָּה פוּן עֵשָׂו אִיז כְּפִירָה, ווָאס רֶעדְט אַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת חַס וְשָׁלוֹם, לֵית דִּין וְלֵית דַּיָּין, אוּן דִי אַנְדֶערֶע קְלִיפָּה פוּן יִשְׁמָעֵאל, ווָאס רֶעדְט אַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַז 'שְׁמַע ה' תְּפִלָּתְךָ' (עַיֵּין תַּרְגּוּם אוּנְקְלוֹס בְּרֵאשִׁית טז, יא), אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין; דִי צְווֵיי קְלִיפּוֹת שְׁטֶערְט פוּן דַאוֶוענֶען, אוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ ווֶעט לוֹחֵם זַיין מִיט'ן שְׁווֶערְד פוּן תְּפִלָּה אוּן זֵיי אִינְגַאנְצְן מַכְנִיעַ זַיין.

**וּלֶעָתִיד שֶׁיְּתֻקַּן בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (יְשַׁעְיָהוּ א)**: "צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה", אֲזַי יִתְעַבֵּר עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם נב)**: "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן". וּבִשְׁבִיל**

**מָשִׁיחַ**

**ווֶעט לִיכְטִיג מַאכְן**

**וּלֶעָתִיד** אוּן ווֶען מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען, שֶׁיְּתֻקַּן בְּחִינַת מִשְׁפָּט ווֶעט פַארְרַאכְטְן ווֶערְן מִשְׁפָּט, מֶען ווֶעט זֶען אַז אַלֶעס ווָאס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי ווֶעלְט בִּכְלָלִיּוּת, אוּן בַּיים מֶענְטְשׁ בִּפְרָטִיּוּת - אִיז בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה א, כז): 'צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה' דוּרְךְ מִשְׁפָּט ווֶעט צִיּוֹן (יְרוּשָׁלַיִם) ווֶערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט; 'צִיּוֹן' אִיז אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן נָאר ווֶען עֶס אִיז דָא מִשְׁפָּט, מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - ווֶערְט צִיּוֹן אוֹיסְגֶעלֵייזְט, מֶען הוֹיבְּט אָן דַאוֶוענֶען, אֲזַי יִתְעַבֵּר עֲנָנִין אוּן דֶעמָאלְט גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע ווָאלְקֶענֶעס דִּמְכַסִּין עַל עֵינָא ווָאס פַארְדֶעקְן דִי אוֹיגְן, דָאס ווֶעט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי ווֶעלְט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נב, ח): 'כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ' מֶען ווֶעט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן, 'בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן' ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶענִיגְט אוֹיף דִי ווֶעלְט. וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָא יוֹסֵף

דֶערְפַאר רוּפְט מֶען אָן יוֹסֵף הַצַּדִּיק (בְּרֵאשִׁית מט, כח): 'בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן', יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן, ווייל דוּרְךְ שְׁמִירַת אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ וֶוערְט דִי מֹחַ אַזוֹי קְלָאר, מֶען זֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עַיִן בְּעַיִן.

נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַ לוֹיטֶערְקֵייט, יֶעדֶער וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶער וֶועט דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**זֶה נִקְרָא יוֹסֵף** (בְּרֵאשִׁית מט): **"בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן":**

**ו וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר, כִּי כָּל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ, שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה מֹשֶׁה, כְּמוֹ 'מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאֲמַרְתְּ', וּמֹשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (בְּרֵאשִׁית מט): **"עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה", 'דָּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ'.**

**צַדִּיקֵי הַדּוֹר**

ו) וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אִינְזִין הָאבְּן בַּיים דַאוֶוענֶען, שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר זִיךְ צוּצוּבִּינְדְן צוּ דִי צַדִּיקִים פוּנֶעם דוֹר; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ צַדִּיק אוּן אִים פָּאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט. אַזוֹי ווִי מֶען בִּינְדְט צוּזַאם צְווֵיי זַאכְן אוּן עֶס וֶוערְט אֵיינְס, אַזוֹי דַארְף מֶען זַיין אֵיינְס מִיטְן צַדִּיק, אוּן אַז מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִּיק אִיז דָאס אַזוֹי ווִי מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כִּי כָּל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר ווייל דֶער צַדִּיק פוּנֶעם דוֹר, הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה - מָשִׁיחַ אִיז אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַזוֹי ווִי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעטוּן נָאר אֵיין זַאךְ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט טוּן נָאר דִי אֵיין זַאךְ: אַרַיינְשַׁיינֶען אִין יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז

**אֵיין צִיל אִין לֶעבְּן**

**דָאס** טוּעֶן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר, זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ דִי זַאךְ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן דִי זַאךְ פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן מֶען זָאל לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין צִיל אִין לֶעבְּן, נָאר זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען, שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה מֹשֶׁה אַז צַדִּיקִים וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען 'מֹשֶׁה', כְּמוֹ אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אִין שַׁ"ס (שַׁבָּת קא: סוּכָּה לט. בֵּיצָה לח: חוּלִין צג.) וֶוען דֶער תַּנָּא אָדֶער אֲמוֹרָא רֶעדְט צוּ זַיין חָבֵר, רוּפְט אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן: 'מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאֲמַרְתְּ' מֹשֶׁה, גוּט הָאסְטוּ גֶעזָאגְט; וּמֹשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיינְס אִיז מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מט, י): 'עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה' בִּיז ווִילַאנְג מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, 'שִׁילֹה' אִיז 'מָשִׁיחַ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (זוֹהַר בְּרֵאשִׁית כה ע"ב, כז ע"א): 'דָּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ', דָאס מֵיינְט

מֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר אִיז מָשִׁיחַ; שִׁילֹה בַּאטְרֶעפְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן פֶערְצִיג, אוּן מֹשֶׁה בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע.

### דַאוֶוענֶען מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה

**וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל, הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֵבְרֵי הַמִּשְׁכָּן, שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לְאַעֲלָא שַׁיְפָא בְּשַׁיְפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּיהּ, אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד, בִּשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת לט): "וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן**

**יֶעצְט** גֶעבְּט דֶער רֶבִּי צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס מֶען דַארְף זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם צַדִּיק פוּנֶעם דוֹר וֶוען מֶען גֵייט דַאוֶונֶען. **וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל** יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה** אִיז נָאךְ אַ שְׁטִיק פוּן דִי שְׁכִינָה, וַוייל וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – מַאכְט מֶען רוּעֶן דִי שְׁכִינָה; פוּן וֶועם בֶּעט אִיךְ? אוּן צוּ וֶועם רֶעד אִיךְ? צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! קוּמְט אוֹיס, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אוּן נָאךְ שְׁכִינָה, **שֶׁהֵם אֵיבְרֵי הַמִּשְׁכָּן** דָאס זֶענֶען חֲלָקִים פוּנֶעם מִשְׁכָּן, וַוייל דִי דְרֵיי זַאכְן: דַאוֶוענֶען, שְׁכִינָה אוּן מִשְׁכָּן – זֶענֶען אֵיין זַאךְ; וֶוען מֶען דַאוֶוענְט, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – מַאכְט מֶען אַ לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה וָואס דָאס אִיז דִי מִשְׁכָּן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא פְּקוּדֵי, ג): 'הַמִּשְׁכָּן מֵעִיד' דִי מִשְׁכָּן אִיז עֵדוּת, 'שֶׁהַשְּׁכִינָה בְּיִשְׂרָאֵל' אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט בַּיי אִידְן. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער מִשְׁכָּן וֶוערְט גֶעבּוֹיט פוּן אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ, בְּרֶעטֶער, שְׁטַאנְגֶען, זוֹילְן, שְׁוֶועלְן וְכוּ', אוֹיךְ אִיז דֶער מִשְׁכָּן גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן מִיט הֶעקֶעלֶעךְ אוּן פָּארְהֶענְג, נֶעגְל אוּן שְׁטְרִיק, אוּן אוֹיךְ אַלֶע כֵּלִים, דִי מְנוֹרָה, דִי טִישׁ, דִי אָרוֹן – אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי תְּפִילּוֹת וָואס אַלֶע אִידְן דַאוֶוענֶען, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס דַאוֶוענְט מַאכְט נָאךְ אַ שְׁטִיקְל פַארְן מִשְׁכָּן; אֵיינֶער מַאכְט מִיט זַיינֶע תְּפִילּוֹת דִי בְּרֶעטֶער, אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט מִיט דִי תְּפִילּוֹת דִי שְׁוֶועלְן, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ מִשְׁכָּן, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה, אוּן פוּן אַלֶע תְּפִילּוֹת וֶוערְט לִיכְטִיג, מֶען מַאכְט רוּעֶן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

### צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִּיק

**שֶׁאֵין** שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס קֶען – **לְאַעֲלָא שַׁיְפָא בְּשַׁיְפָא** כָּל חַד לְדוּכְתֵּיהּ צַאמְנֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס תְּפִלָּה, דָאס צַאמְשְׁטֶעלְן אוּן לֵייגְן אִין דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ **אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד** נָאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. **בִּשְׁבִיל זֶה** דֶעריבֶּער, **צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִילּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר** דַארְף מֶען זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם צַדִּיק הַדּוֹר, וָואס עֶר טְרָאגְט אַרוֹיף אַלֶע תְּפִילּוֹת פוּן אַלֶע אִידְן אוּן מַאכְט פוּן דֶעם אַ קְרוֹין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת לט, לג): **'וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה'** זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם

מִשְׁכָּן צוּ מֹשֶׁה, וְהוּא יוֹדֵעַ לְאַעֲלָא שִׁיפָא בְּשִׁיפָא וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ווייסט ווי אַזוֹי מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף אִינְאֵיינְעם אַלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ מִשְׁכָּן, וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה אוּן דָאס מַאכְן פַאר אֵיין גְרוֹיסֶער גֶעשְׁטֶעל, אַזוֹי אוֹיךְ נֶעמְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֶע תְּפִילּוֹת פוּן אַלֶע אִידְן אוּן מַאכְט פוּן דֶעם שֵׁיינֶע קְרוֹינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם מ, יח): 'וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן' מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי מִשְׁכָּן; פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַז נָאר דֶער צַדִּיק, עֶר קֶען אוֹיפְהֵייבְן אַלֶע תְּפִילּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דָאס אַרוֹיפְטְרָאגְן צוּם רִיכְטִיגְן פְּלַאץ.

**"הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר"**

**דֶערְפַאר** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אֵיידֶער מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען זָאל מֶען זִיךְ מְקֻשָּׁר זַיין צוּ דִי צַדִּיקֵי הַדּוֹר. דָאס אִיז דִי נוּסָח וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן אֵיידֶער מֶען דַאוֶוענְט אָדֶער מֶען טוּט אַ מִצְוָה:
"הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בִּתְפִלָּתִי לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ, צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵּיגָא, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ".
**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הָעוֹשֶׂה שָׁלִיחַ לִגְבּוֹת אֶת חוֹבוֹ הֲלָכָה ב, אוֹת

**אֶל מֹשֶׁה", וְהוּא יוֹדֵעַ לְאַעֲלָא שִׁיפָא בְּשִׁיפָא, וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם מ): "וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן":**

**וְכָל הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת, כָּל הָאוֹתִיּוֹת הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת, וְהֵם נִתְלַבְּשִׁים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם בִּבְחִינַת עִבּוּר*.**

*(כַּמּוּבָא בַּגִּלְגּוּלִים, שֶׁכָּל הַנְּשָׁמוֹת בָּאִים בְּתוֹךְ הַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת עִבּוּר וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם).

ד) מֶען זָאל זִיךְ אוֹיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם צַדִּיק פַאר מֶען טוּט אַ מִצְוָה, עַיֵּין שָׁם.

**תּוֹרָה אִיז פִינְקֶען פֵייעֶר**

**וְכָל** הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה צוּ וִויסְן ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת צוּ הִיטְן דִי תּוֹרָה אוּן טוּן דִי מִצְוֹת; כָּל הָאוֹתִיּוֹת דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט, הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת זֶענֶען פִינְקֶען פוּן נְשָׁמוֹת, וְהֵם נִתְלַבְּשִׁים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה אוּן דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶוערְן דִי נְשָׁמוֹת אָנְגֶעטוּן מִיט קְלֵיידֶער; דָאס הֵייסְט, תּוֹרָה אָן תְּפִלָּה זֶענֶען ווי פִינְקֶען פֵייעֶר, אוּן אַז מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה – וֶוערְן פוּן דִי פִינְקֶען פֵייעֶר אַ גֶעשְׁטֶעל, עֶס אִיז אַזוֹי ווי דִי תּוֹרָה וֶוערְט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ קְלֵייד, מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם אוּן דִי תּוֹרָה וֶוערְט בַּאנֵייט, בִּבְחִינַת עִבּוּר אַזוֹי ווי אַ קִינְד וָואס הוֹיבְּט אָן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן אוּן וֶוערְט גֶעבּוֹירְן. כַּמּוּבָא אַזוֹי ווי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, בַּגִּלְגּוּלִים אִין סֵפֶר הַגִּלְגּוּלִים, שֶׁכָּל הַנְּשָׁמוֹת אַלֶע נְשָׁמוֹת – דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בָּאִים בְּתוֹךְ הַמַּלְכוּת וֶוערְן אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּבְחִינַת עִבּוּר אַזוֹי ווי אַ קִינְד וֶוערְט בַּאשַׁאפְן, וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם אוּן

אַזוֹי וֶוערְן זֵיי נֵיי גֶעבּוֹירְן, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאוֶונְט צוּ אִים, וָואס דָאס אִיז מַלְכוּת – הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה.

**מַאכְן פוּן תּוֹרָה - תְּפִלָּה**

**דֶערְפַאר** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן מַאכְן פוּן דִי תּוֹרָה וָואס מִיר לֶערְנֶען – תְּפִלָּה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמה), וַוייל מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגְקֵייט אוּן בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה. סַיי וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וָואס מֶען הַאלְט בַּיי דֶעם, דַארְף מֶען בֶּעטְן מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן סַיי אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז עוֹבֵר, זָאל מֶען נֶעמֶען דִי אוֹתִיּוֹת וָואס זֶענֶען דֶערְוַוייל נָאר נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת, אוּן דָאס צַאמְבְּרֶענְגֶען מִיט תְּפִלָּה; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה'; דֶעמָאלְט קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ: 'זְעֵיר אַנְפִּין' אוּן 'מַלְכוּת', אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה.

**"וְהָאֵר עֵינֵינוּ"**

**דֶער** הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזָאגְט (הוּבָא בְּתוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף פָּרָשַׁת וָאֵרָא, סִימָן א), עֶר הָאט גֶעהֶערְט אִין הִימְל אַ טַעַם אוֹיף דֶעם לַאנְגְן גָלוּת, וַוייל מֶען בֶּעט נִישְׁט גֶענוּג לַאנְג דִי תְּפִלָּה פוּן אַהֲבַת עוֹלָם, מֶען כַאפְּט אָפּ דִי תְּפִלָּה פוּן 'וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ', מֶען דַארְף זֵייעֶר בֶּעטְן מִיט טְרֶערְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, אוּן מְקַיֵּים זַיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

**וְזֶהוּ** (תְּהִלִּים יט): **"הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל", הַיְנוּ הַתּוֹרָה שֶׁהוּא אֵשׁ וּמַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת הַנְּשָׁמוֹת. וּבָאִים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת**

וַוייל נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶוערְן פוּן דִי נְשָׁמוֹת בְּחִינַת עִבּוּר וְלֵידָה, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

**וַואסֶער אוּן פַייעֶר**

**וְזֶהוּ** דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יט, ב): **'הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵ-ל'** דִי הִימְלֶען דֶערְצֵיילְן דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי הִימְל דָאס מֵיינְט מֶען – **הַיְנוּ הַתּוֹרָה** דִי תּוֹרָה, **שֶׁהוּא אֵשׁ וּמַיִם** וָואס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ פַייעֶר אוּן וַואסֶער, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְכִילְתָּא יִתְרוֹ מַסֶּכְתָּא דְּבַחֹדֶשׁ, ד): 'מַגִּיד שֶׁהַתּוֹרָה אֵשׁ', דִי תּוֹרָה אִיז אַ שְׁטִיק פַייעֶר. נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּעֲנִית ז.): 'תּוֹרָה נִמְשְׁלָה לְמַיִם', דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וִוי וַואסֶער; אוֹיךְ דִי הִימְל אִיז פוּן פַייעֶר אוּן וַואסֶער, דָאס וָוארְט 'שָׁמַיִם' אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן דִי צְוֵויי וֶוערְטֶער אֵשׁ וּמַיִם (חֲגִיגָה יב.), **הַיְנוּ בְּחִינַת הַנְּשָׁמוֹת** דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אַנְטְקֶעגְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז דָא אִין דִי תּוֹרָה זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיּוֹת, אַנְטְקֶעגְן זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט נְשָׁמוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. **וּבָאִים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה** אוּן דָאס קוּמְט זִיךְ צוּזַאם מִיט תְּפִלָּה,

**"כְּבוֹד אֵל", כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים סו)**: "שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ", בְּחִינַת: "תְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ". וְהַנְּשָׁמוֹת עִם הַתְּפִלָּה, הַנִּקְרָא כָּבוֹד, עַל שֵׁם שֶׁהִיא מַלְבֶּשֶׁת אוֹתָנוּ, כִּי 'ר' יוֹחָנָן קָרָא לְמָאנֵיהּ מְכַבְּדוּתָא', וְעַל־יְדֵי־זֶה נִקְרֵאת "כְּבוֹד אֵל". וְהֵן מְאִירִין זֶה לָזֶה — הַנְּשָׁמוֹת מְאִירִין לְהַתְּפִלָּה בִּבְחִינַת**

**שֶׁהוּא בְּחִינַת** וָואס תְּפִלָּה איז '**כְּבוֹד אֵ-ל**', וֶוען מֶען דַאוֶונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – גֶעבְּט מֶען כָּבוֹד פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען מֶען דַאוֶונְט און מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס.

**כָּבוֹד פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דַאוֶוענֶען וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן כָּבוֹד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים סו, ב): '**שִׂימוּ כָבוֹד**' גֶעבּ דֶעם רִיכְטִיגְן 'כָּבוֹד' פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן 'תְּהִלָּתוֹ' וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט פַאר אִים. און פון וַואנֶעט זֶעט מֶען אַז 'תְּהִלָּתוֹ' מֵיינְט דַאוֶונֶען? **בְּחִינַת**: אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט פְרִיעֶר גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יְשַׁעְיָה מח, ט) '**וּתְהִלָּתִי**' דָאס וָואס אַ אִיד איז מִתְפַּלֵל און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן '**אֶחֱטָם לָךְ**' איז אַזוֹי ווִי די נָאז, אַזוֹי ווִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט (אוֹת א'), **וְהַנְּשָׁמוֹת עִם הַתְּפִלָּה** און וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס מֶען לֶערְנְט, אַז די תּוֹרָה; די הֵיילִיגְקֵייט פון די תּוֹרָה, די נְשָׁמָה פון די תּוֹרָה – זָאל מֶען פַארְשְׁטֵיין – די סָארְט תְּפִלָּה – **הַנִּקְרָא כָּבוֹד** וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן כָּבוֹד. וַוייל אַזוֹי וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס אוֹיף די וֶועלְט, **עַל שֵׁם שֶׁהִיא** וַוייל דוּרְךְ תְּפִלָּה – **מַלְבֶּשֶׁת אוֹתָנוּ** וֶוערְן מִיר אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער; וַוייל אָן תְּפִלָּה איז מֶען אַזוֹי ווִי אַ נַאקֶעטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען, אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט אַלֶעס; נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה בַּאקוּמְט מֶען קְלֵיידֶער, בַּאקוּמְט מֶען אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

(קֶען זַיין פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט [סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בְּגָדִים, סִימָן ה]: 'מִי שֶׁאוֹכֵל קֹדֶם הַתְּפִלָּה' אַז מֶען עֶסְט פַארְ'ן דַאוֶונֶען, 'הוּא נֶעֱנָשׁ בִּבְגָדִים' בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף אוֹיף די קְלֵיידֶער; וַוייל דוּרְכְ'ן דַאוֶונֶען איז מֶען זוֹכֶה צוּ קְלֵיידֶער, און אַז מֶען איז מְזַלְזֵל אִין תְּפִלָּה – פַארְלִירְט מֶען די קְלֵיידֶער).

**אַ נְשָׁמָה אָן אַ גוּף**

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז קְלֵיידֶער וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'כָּבוֹד', **כִּי 'רַבִּי יוֹחָנָן'** וַוייל רֶבִּי יוֹחָנָן, '**קָרָא לְמָאנֵיהּ**' הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע קְלֵיידֶער: '**מְכַבְּדוּתָא**' עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין מְשַׁמֵּשׁ, בְּרֶענְג מִיר די זַאכְן וָואס זֶענֶען מִיךְ מְכַבֵּד, **וְעַל יְדֵי זֶה נִקְרֵאת 'כְּבוֹד אֵ-ל'** דֶערִיבֶּער וֶוערְט תְּפִלָּה אָנְגֶערוּפְן כְּבוֹד אֵ-ל, וַוייל אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף – וֶוערְט די נְשָׁמָה אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, **וְהֵן מְאִירִין זֶה לָזֶה** און זֵיי מַאכְן לִיכְטִיג אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; **הַנְּשָׁמוֹת מְאִירִין לְהַתְּפִלָּה** די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וָואס אִיז אֵיין שְׁטִיק נְשָׁמוֹת – שַׁיינְט און מַאכְט לִיכְטִיג תְּפִלָּה; דוּרְךְ תּוֹרָה וֵוייסְט

מען וואס צו בעטן, בבחינת העלאת מיין נוקבין אין די קבלה שפראך ווערט דאס אנגערופן אז מען ברענגט ארויף מיין נוקבין, והתפלה און דאוונען – מאירה להנשמות מאכט ליכטיג די תורה; ווייל תורה אן תפלה איז אזוי ווי א נשמה אן א גוף, אן קיין לבוש. נאר אז מען בעט דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו פארשטיין די הייליגקייט פון די תורה, נאר אזוי איז מען זוכה, עס עפענען זיך אויף די אויגן, מען הויבט אן שפירן דעם אור הגנוז וואס ליגט אין די תורה; אן תפלה איז די תורה אזוי ווי אן אלטע מעשה, רחמנא לצלן.

**תּוֹרָה מַאכְט לִיכְטִיג תְּפִלָּה**

**דאס** אלעס איז מרומז אינעם פסוק (תהלים יט, ב): 'השמים' די תורה וואס איז אזוי ווי די הימל פון פייער און וואסער, 'מספרים' איז א לשון פון שיינען, ליכטיג מאכן, מלשון ספיר, א שיינעדיגע שטיין. 'כבוד א-ל' די תורה מאכט ליכטיג תפלה. בבחינת חדושין און ווען מען איז מתפלל אויף וואס מען לערנט – ווערט מען ניי, **שהיא מחדשת אותם** דורך תפלה ווערט מען ניי, בבחינת עבור מען איז זוכה צו ווערן א גרויסער צדיק, **והנשמות המלבשין בתפלה** און די אלע תפילות, וואס מען מאכט פון תורה – תפלה: **המובאות לצדיק**

**העלאת מיין נוקבין, והתפלה מאירה להנשמות בבחינת חדושין, שהיא מחדשת אותם בבחינת עבור. והנשמות המלבשין בתפלה, המובאות לצדיק שבדור הם בבחינת** (תהלים מה): **"בתולות אחריה רעותיה מובאות לך".**

**'אמר רבה בר בר חנה: זמנא חדא הוה קאזלינן בספינתא, וחזינן**

**שבדור** ווען מען ברענגט דאס פאר'ן צדיק פונעם דור, מען איז זיך מקשר צום צדיק, **הם בבחינת** פאסירט מיט זיי דאס וואס שטייט אין פסוק ביי משיח (תהלים מה, טו): **'בתולות אחריה רעותיה'** די יונגע פריינד פון די פעלקער, דאס מיינט מען די אומות העולם, וועלן אויך נאכגיין נאך משיח צדקינו, **'מובאות לך'** זיי וועלן אויך צוריק געברענגט ווערן צום אייבערשטן; דער צדיק וואס איז משה רבינו און משיח צדקינו, ער ברענגט אלעמען צום אייבערשטן, ער ברענגט אריין אין די גאנצע וועלט די שווערד פון תפלה. דאס וועט זיין ביי די גאולה; משיח וועט איינעמען די וועלט מיט תפלה, אלע וועלן רעדן צום אייבערשטן, אפילו די אומות העולם וועלן נאר גיין צום אייבערשטן, אזוי ווי דער נביא זאגט (צפני' ג, ט): 'כי אז אהפך אל עמים שפה ברורה' אלע פעלקער וועלן האבן איין שפראך, 'לקרא כלם בשם ה'' אלע וועלן נאר רעדן צום אייבערשטן.

[**דער** רבי האט אונז דערציילט (חיי מוהר"ן, סימן ה) אז 'רבה בר בר חנה' איז געקומען צו אים און אים פארגעהאלטן: פארוואס ער ליגט נישט צו הארץ צו זיינע

**הַהוּא כַּוְרָא דְּיָתְבָא לֵיהּ חָלְתָא אַגַּבֵּיהּ, וְקָדְחָה אֲגַמָּא עִלָּוֵיהּ. סַבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הוּא, וְסַלְּקִינָן וְאָפִינָן וּבַשְׁלִינָן אַגַּבֵּיהּ. וְכַד חָם גַּבֵּיהּ אִתְהַפֵּיךְ, וְאִי לָאו דַּהֲוָה מִקָּרְבָא סְפִינְתָּא, הֲוָה טָבְעִינָן'** (בָּבָא בַּתְרָא עג:).

**פֵּרוּשׁ רַשְׁבַּ"ם:**

**דְּיָתְבָא חָלְתָא אַגַּבֵּיהּ.** שֶׁהָיָה חוֹל נִקְבָּץ עַל גַּבּוֹ: **וְקָדַח.** עֲשָׂבִים עַל הַחוֹל: **וְסַבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הִיא.** אִיֵּי הַיָּם הִיא:

**וְזֶה שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה:** חָזִינָן לְהַאי כַּוְרָא' וְכוּ', כִּי בְּגָלוּתֵנוּ, כִּבְיָכוֹל, הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּהַסְתָּרַת פָּנִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל): "הִסְתַּרְתָּ

ווערטער, ער האט אים געגעבן ער זאל צולייגן הארץ צו זיינע ווערטער, און ער וועט אים אנטפלעקן וואונדערליכע זאכן.]

**יעצט** גייט דער רבי צאמפלעכטן די גאנצע תורה מיט דעם מאמר פון 'רַבָּה בַּר בַּר חָנָה': חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דערציילן (בָּבָא בַּתְרָא עג.) '**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה**' רַבָּה בַּר בַּר חָנָה האט געזאגט: '**זִמְנָא חֲדָא**' איינמאל, 'הֲוָה קָאָזְלִינָן **בִּסְפִינְתָּא**' זענען מיר געפארן מיט א שיף, 'וְחָזִינָן הַהוּא **כַּוְרָא**' און מיר האבן געזען א פיש, '**דְּיָתְבָא** לֵיהּ **חָלְתָא**' וואס האט זיך אנגעזאמלט זאמד, '**אַגַּבֵּיהּ**' אויף איר רוקן, 'וְקָדְחָה **אֲגַמָּא** עִלָּוֵיהּ' און עס האט אנגעהויבן וואקסן גראז אויף די זאמד, אויף די פיש, 'סַבְרִינָן **יַבֶּשְׁתָּא הוּא**' האבן מיר געמיינט אז עס איז טרוקן, עס איז אן אינזל, 'וְסַלְּקִינָן' זענען מיר ארויף אויפן פיש וואס האט אויסגעזען ווי אן אינזל 'וְאָפִינָן' און מיר האבן געבאקן, 'וּבַשְׁלִינָן' און געקאכט, 'אַגַּבֵּיהּ' אויף איר רוקן. 'וְכַד חָם גַּבֵּיהּ' און ווען איר רוקן איז הייס געווארן, 'אִתְהַפֵּיךְ' האט זיך די פיש איבערגעדרייט, 'וְאִי לָאו דַּהֲוָה **מִקָּרְבָא סְפִינְתָּא**' און ווען נישט די שיף וואס איז געווען נאנט צו אונז, 'הֲוָה טָבְעִינָן' וואלטן מיר זיך דערטראנקען.

(פֵּרוּשׁ רַשְׁבַּ"ם: **דְּיָתְבָא חָלְתָא אַגַּבֵּיהּ.** שֶׁהָיָה חוֹל נִקְבָּץ עַל גַּבּוֹ: **וְקָדַח.** עֲשָׂבִים עַל הַחוֹל: **וְסַבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הִיא.** אִיֵּי הַיָּם הִיא:)

**יעצט** גייט דער רבי עפענען אונזערע אויגן, אונז פארשטיין געבן די סודות וואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה האט געזאגט, וְזֶה שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה' דאס זאגט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה, 'חָזִינָן לְהַאי כַּוְרָא' וְכוּ' אין די ווערטער ליגט גרויסע סודות.

**קיינער**

**קען מיר גארנישט טון**

כִּי בְּגָלוּתֵנוּ ווייל אין גלות, כִּבְיָכוֹל קען זיך שפירן, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּהַסְתָּרַת פָּנִים ווי דער אייבערשטער הערט נישט אויס אונזערע תְּפִלּוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אזוי ווי עס שטייט (תְּהִלִּים ל, ח): 'הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ' ווען דו האסט פארהוילן דיין פָּנִים, ווער איך דערשראקן; ווייל ווען א מענטש שפירט דעם אייבערשטן, ער ווייסט 'קיינער קען מיר גארנישט טון, אלעס וואס גייט אויף מיר אריבער - זע איך דארט דעם

פָּנֶיךָ", שֶׁהוּא בְּחִינוֹת רַחֲמִים, וּפָנָה עֹרֶף שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דִּין. וְכָל תְּפִלּוֹתֵינוּ וּבַקָּשׁוֹתֵינוּ, עַל זֶה שֶׁפָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ, שֶׁיַּחֲזִיר אֶת פָּנָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם פו): "פְּנֵה אֵלַי", וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּמִדְבַּר ו): "יָאֵר ה' פָּנָיו".

**וּכְשֶׁאָנוּ** רוֹאִים אֹרֶךְ הַגָּלוּת, וּבְכָל יוֹם אֲנַחְנוּ צוֹעֲקִים אֵלָיו וְאֵינָם נוֹשָׁעִים, וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שֶׁטּוֹעִים, חַס וְשָׁלוֹם, בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִלּוֹת הֵם לָרִיק, אֲבָל בֶּאֱמֶת כָּל הַתְּפִלּוֹת, הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר, הֵם מַעֲלִים אוֹתָם, וּמְקִימִים אוֹתָם, כְּמוֹ

אייבערשטן'; שֶׁהוּא בְּחִינוֹת רַחֲמִים דער מענטש איז אַ געהאלפענער, דעם איז גוט, ווייל ער לעבט מיט אֱמוּנָה, ער שפירט דעם אייבערשטן אין יעדע זאך, און ווען עס איז פארקערט, מען האט נישט קיין אֱמוּנָה – דאס איז דער גָּלוּת. מען מיינט אז עס איז דא טֶבַע, מִקְרֶה און מַזָּל, דעמאלט דאכט זיך אַז כִּבְיָכוֹל – וּפָנָה עֹרֶף דער אייבערשטער דריידט זיך אזוי ווי אַוועק פון אונז, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דִּין אז דער אייבערשטער הערט אונז נישט אויס.

**ווייז מיר דיין פָּנִים**

**וְכָל** תְּפִלּוֹתֵינוּ וּבַקָּשׁוֹתֵינוּ עַל זֶה און אַלע תְּפִילוֹת און געבעטן וואס אידישע קינדער זענען מִתְפַּלֵּל איז נאר אויף דעם זאך, מיר זאלן שטענדיג שפירן דעם אייבערשטן, שֶׁפָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ מיר זאלן נישט שפירן ווי דער אייבערשטער דריידט זיך אַוועק פון אונז, נאר – שֶׁיַּחֲזִיר אֶת פָּנָיו דער אייבערשטער זאל צוריק אויסדרייען זיין פָּנִים צו אונז, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוי ווי עס שטייט (תְּהִלִּים פו, טז) דָּוִד הַמֶּלֶךְ בעט דעם אייבערשטן: 'פְּנֵה אֵלַי' קער זיך צו מיר, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב און אזוי ווי עס שטייט (בַּמִּדְבָּר ו, כה): 'יָאֵר ה' פָּנָיו' דער אייבערשטער זאל אונז ליכטיג מאכן, מיר זאלן שפירן ווי זיין פָּנִים קוקט צו אונז.

**קיין איין תְּפִלָּה ווערט נישט פארלוירן**

**וּכְשֶׁאָנוּ** רוֹאִים אָבער ווען מיר זעען, אֹרֶךְ הַגָּלוּת דעם לאנגן גָּלוּת, וּבְכָל יוֹם אֲנַחְנוּ צוֹעֲקִים אֵלָיו און יעדן טאג שרייען מיר צו אים, וְאֵינָם נוֹשָׁעִים און מיר ווערן נישט געהאלפן – ווערט מען אפגעקילט פון בעטן ווייטער, מען ווערט צעבראכן און מען לאזט אפ תְּפִלָּה. וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל און עס זענען דא צווישן אונז אידן, שֶׁטּוֹעִים חַס וְשָׁלוֹם וואס זענען זיך טוֹעֶה חַס וְשָׁלוֹם, בְּלִבָּם אין הארץ; מען הויבט אן האבן שטילערהייט קַשְׁיוֹת, און מען טראכט: שֶׁכָּל הַתְּפִלּוֹת אז אלע תְּפִילוֹת, הֵם לָרִיק איז אומזיסט, און מען הויבט אן מְזַלְזֵל זיין אין תְּפִלָּה, אֲבָל בֶּאֱמֶת אָבער עס איז נישט אַזוי, מען דארף גלייבן אַז קיין איין תְּפִלָּה ווערט נישט פארלוירן, כָּל הַתְּפִלּוֹת נאר אלע תְּפִילוֹת, הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר הֵם מַעֲלִים אוֹתָם נעמען די צַדִּיקִים פון יעדן דור זיי צוזאם, וּמְקִימִים אוֹתָם און זיי שטעלן דאס צוזאם, זיי בויען פון דעם

הערליכע בִּנְיָנִים, זיי מאכן פון דעם אַ מִשְׁכָּן. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עס שטייט (שְׁמוֹת מ, יח): 'וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן' מֹשֶׁה רַבֵּינוּ האט אויפגעבויט דעם מִשְׁכָּן, **וּמַעֲלִין כָּל שִׁיפָא וְשִׁיפָא לְדוּכְתֵּיהּ** זיי שטעלן אינאיינעם אַלע תְּפִילוֹת, שטיקל ביי שטיקל – אין זייער פלאץ, **וּבוֹנִין קוֹמָתָהּ** זיי בויען אויף דעם געשטעל, **שֶׁל הַשְּׁכִינָה** פון די שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, **מְעַט מְעַט** שטייטלעך, **עַד שֶׁיִּשְׁתַּלֵּם שִׁעוּר קוֹמָתָהּ** ביז עס וועט אינגאנצן אויפגעבויט ווערן, **אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ** דעמאלט וועט מָשִׁיחַ קומען, **דָּא מֹשֶׁה** דאס איז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; מָשִׁיחַ איז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **וְיַשְׁלִים אוֹתָהּ** און ער וועט דאס אינגאנצן צוענדיגן, **וְיָקִים אוֹתָהּ בִּשְׁלֵמוּת** און דאס אינגאנצן באפעסטיגן.

**שֶׁכָּתוּב: "וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן", וּמַעֲלִין כָּל שִׁיפָא וְשִׁיפָא לְדוּכְתֵּיהּ, וּבוֹנִין קוֹמָתָהּ שֶׁל הַשְּׁכִינָה מְעַט מְעַט, עַד שֶׁיִּשְׁתַּלֵּם שִׁעוּר קוֹמָתָהּ, אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, דָּא מֹשֶׁה, וְיַשְׁלִים אוֹתָהּ, וְיָקִים אוֹתָהּ בִּשְׁלֵמוּת:**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: 'חָזֵינָא לְהַאי כַּוְרָא', הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַדּוֹר, הַנִּקְרָא דָּג, זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ. 'דְּיָתְבָא לֵיהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּיהּ', הַיְנוּ הַתְּפִלּוֹת שֶׁאָנוּ מִתְפַּלְּלִים עַל זֶה, שֶׁכִּבְיָכוֹל פָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ.**

### דער צַדִּיק איז אַזוֹי ווי אַ פִיש

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** דאס איז פְּשַׁט אין די מַעֲשֶׂה וואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה דערציילט: **'חָזֵינָא לְהַאי כַּוְרָא'** איך האב געזען אַ פִיש, – **הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַדּוֹר** דאס מיינט מען דעם צַדִּיק הַדּוֹר, **הַנִּקְרָא דָּג** דער צַדִּיק ווערט אָנגערופן אַ פִיש וואס שווימט אין די יַם הַתּוֹרָה און אין יַם הַחָכְמָה. דער צַדִּיק איז אַזוֹי צוגעקלעבט צום אייבערשטן, עס שיינט אים די פיר שֵׁמוֹת ווי אויבנדערמאנט (אות ב'); די פיר שֵׁמוֹת פון די פיר וועלטן אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה און עֲשִׂיָּ'. אויך די דריי שֵׁמוֹת, די קרוינען; דאס איז 'דָּג', ד' איז פיר און ג' איז דריי, אינאיינעם איז דאס דָּג. דאס איז דער צַדִּיק. **זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ** ווערט אויך אָנגערופן דָּג, ווייל ער וועט דאס אריינברענגען אין די גאנצע וועלט, אַלע זאלן רעדן צום אייבערשטן, אַלע זאלן זיך מִתְבּוֹדֵד זיין, ביז עס וועט יעדן איינעם שיינען די ד' שֵׁמוֹת און די ג' כְּתָרִים.

### זאמד איז אַ לָשׁוֹן פון תְּפִלָּה

**'דְּיָתְבָא לֵיהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּיהּ'** וואס האט זיך אָנגעזאמלט זאמד אויף איר רוקן – **הַיְנוּ הַתְּפִלּוֹת, שֶׁאָנוּ מִתְפַּלְּלִים עַל זֶה** די תְּפִילוֹת וואס מיר בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, **שֶׁכִּבְיָכוֹל פָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ** אַז עס זעט אויס ווי דער אייבערשטער האט זיך אַוועק געדרייט. 'חַלְתָּא', זאמד – איז אַ לָשׁוֹן פון תְּפִלָּה, אַזוֹי ווי עס שטייט (שְׁמוֹת לב, יא): 'וַיְחַל מֹשֶׁה', מֹשֶׁה האט געבעטן; רַבָּה בַּר בַּר חָנָה זאגט, איך האב געזען די תְּפִילוֹת, 'אַגַּבֵּיהּ' וואס מען בעט דעם אייבערשטן

אויף וואס ער ווייזט אונז דעם רוקן, די אַנדערע זייט פון די פָּנִים. 'יַתְבָא לֵיהּ' וואס איז אָנגעזאמלט אויפ'ן פיש, הַיְנוּ (שְׁמוֹת לט, לג) 'וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה' ווייל נאר דאס איז די עֵצָה, צו בְּרענגען אַלע תְּפִילוֹת צום צַדִּיק, כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר אֶת הַתְּפִלָּה לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר ווייל מען דאַרף בְּרענגען אַלע תְּפִילוֹת צום צַדִּיק, און זיך מְקַשֵּׁר זיין צו אים. 'וְקַדְחֵי עֲלֵהּ אַגְמָא' און עס האט אָנגעהויבן וואַקסן גְרָאז אויף די זאַמד וואס איז געווען אָנגעזאַמלט אויף די פיש, הַיְנוּ הַנְּשָׁמוֹת הַבָּאִים עִם הַתְּפִלָּה, בְּחִינַת 'בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ' וְכוּ' ווען מען בעט דעם אייבערשטן אויף די תּוֹרָה וואס מען לערנט, ווערן די נְשָׁמוֹת בִּבְחִינַת עִבּוּר, אַזוי ווי אויבן געשמועסט (אוֹת ו'). כִּי הַנְּשָׁמוֹת הֵן נִקְרָאִין עֲשָׂבִין נְשָׁמוֹת ווערן אָנגערופן גְרָאז, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוי ווי עס שטייט (יְחֶזְקֵאל טז, ז): 'רְבָבָה' אין די צען טויזנטער, 'כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה' אַזוי ווי די גְרָאז וואס שפּראָצט אין פעלד, 'נְתַתִּיךְ' האָב איך דיך געגעבן; דאס מיינט מען נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וואס וואַקסן ווי גְרָאז דורך תְּפִלָּה.

**'יַתְבָא לֵיהּ'**, הַיְנוּ: "וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה", כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר אֶת הַתְּפִלָּה לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר. **'וְקַדְחֵי עֲלֵהּ אַגְמָא'**, הַיְנוּ הַנְּשָׁמוֹת הַבָּאִים עִם הַתְּפִלָּה, בְּחִינַת "בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ" וְכוּ', כִּי הַנְּשָׁמוֹת הֵן נִקְרָאִין עֲשָׂבִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְחֶזְקֵאל טז): "רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ".

**'וְסָבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הוּא'**, הַיְנוּ שֶׁהַתְּפִלּוֹת אֵינָם עוֹשִׂים פֵּרוֹת, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, אֶלָּא 'סַלְקִינָן וַאֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן', הַיְנוּ כָּל הַתְּפִלּוֹת 'סַלְקִינָן' וְעוֹלִין, וְכָל מַה שֶּׁמַּרְבִּין בִּתְפִלָּה, נִבְנֶה הַשְּׁכִינָה בְּיוֹתֵר, וּמְכִינָה אֶת עַצְמָהּ

**עס קאכט זיך שיינע זאכן**

**'וְסָבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הוּא'** און מיר האָבן געמיינט אַז עס איז טרוקן, עס איז אַן אינזל; אַסאַך מָאל פּאַסירט, פון חֲלִישׁוּת הַדַּעַת און פון אַלע בִּלְבּוּלִים מיינט מען, הַיְנוּ שֶׁהַתְּפִלּוֹת אֵינוֹ עוֹשֶׂה פֵּרוֹת אַז די תְּפִילוֹת איז אויסגעטרוקנט, עס קען זיך דאַכטן אַז עס ווערט פאַרלוירן די תְּפִילוֹת, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן אָבער מען דאַרף וויסן אַז עס איז נישט אַזוי, אֶלָּא 'סַלְקִינָן' נאר מיר זענען יאָ אַרויף אויף דעם אינזל 'וַאֲפִינָן' און געבאַקן, 'וּבַשְׁלִינָן' און געקאָכט, הַיְנוּ דאס הייסט אַז דער אֱמֶת איז, כָּל הַתְּפִלּוֹת 'סַלְקִינָן' וְעוֹלִין אַז אַלע תְּפִילוֹת גייען יאָ אַרויף, יעדעס וואָרט וואס אַ איד זאָגט צום אייבערשטן - גייט אַרויף צום אייבערשטן, אֲפִילוּ עס זעט אויס ווי עס איז טרוקן, דאַרף מען גלייבן אַז עס קאכט זיך און עס קאכט זיך שיינע זאכן פון די אַלע תְּפִילוֹת. וְכָל מַה שֶּׁמַּרְבִּין בִּתְפִלָּה און וואס מער מען דאווענט, נִבְנֶה הַשְּׁכִינָה בְּיוֹתֵר ווערט מער אויפגעבויט די שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, עס ווערט נענטער צו די גְאוּלָה, וּמְכִינָה אֶת

לְזִוּוּג, וְזֶה 'אֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן', כִּי אֲפִיָּה וּבִשּׁוּל הֵם הֲכָנָה לַאֲכִילָה, לִבְחִינַת זִוּוּג, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית לט): "כִּי אִם הַלֶּחֶם אֲשֶׁר הוּא אוֹכֵל". כְּשֶׁיִּשְׁתַּלֵּם קוֹמָה שֶׁל כָּל הַשְּׁכִינָה, הַיְנוּ עַל-יְדֵי רֹב הַתְּפִלּוֹת, יִכְמְרוּ רַחֲמָיו, וְיִתְהַפֵּךְ מִדַּת הַדִּין לְמִדַּת הָרַחֲמִים. וְזֶה 'כַּד חַם', הַיְנוּ כַּאֲשֶׁר יִכְמְרוּ רַחֲמָיו. 'גַּבֵּיהּ אִתְהַפֵּךְ', הַיְנוּ שֶׁיִּתְהַפֵּךְ מִדַּת הַדִּין לְמִדַּת הָרַחֲמִים.

עַצְמָהּ לְזִוּוּג און מען גרייט זיך צו ווערן איינס מיטן באשעפער. וְזֶה דאס ווערט אנגערופן 'אֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן' באקן און קאכן, כִּי אֲפִיָּה וּבִשּׁוּל ווייל קאכן און באקן, הֵם הֲכָנָה לַאֲכִילָה דאס גרייט צו צום עסן, לִבְחִינַת זִוּוּג עסן איז אזוי ווי חֲתוּנָה האבן; ווערן איינס, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אזוי ווי עס שטייט (בְּרֵאשִׁית לט, ו): 'כִּי אִם הַלֶּחֶם' נאר די ברויט, 'אֲשֶׁר הוּא אוֹכֵל' וואס ער עסט, דאס מיינט מען זיין ווייב; דאס דערציילט אונז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה. מען מיינט אז די תְּפִילוֹת, די גראז - איז טרוקן, אבער עס איז נישט אזוי, נאר וואס מער מען בעט דעם אייבערשטן, מען איז זיך נישט מְיַיאֵשׁ - ווערט מען נענטער און נענטער צום אייבערשטן; עס ווערט א יִחוּד וְזִוּוּג פון קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, פון נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מיטן אייבערשטן.

**איבערגעדריידט צו רַחְמָנוּת**

**כְּשֶׁיִּשְׁתַּלֵּם** קוֹמָה שֶׁל כָּל הַשְּׁכִינָה ווען עס וועט ווערן געענדיגט בויען די געשטעל פון די שְׁכִינָה, הַיְנוּ עַל יְדֵי רֹב הַתְּפִלּוֹת דורך אסאך תְּפִילוֹת - יִכְמְרוּ רַחֲמָיו וועט איבערגעדריידט ווערן אלעס צו רַחְמָנוּת, וְיִתְהַפֵּךְ מִדַּת הַדִּין לְמִדַּת הָרַחֲמִים עס וועט איבערגעדריידט ווערן דין צו רַחֲמִים, וְזֶה דאס איז פְּשָׁט: 'כַּד חַם' ווען עס איז הייס געווארן פאר'ן פיש, הַיְנוּ כַּאֲשֶׁר יִכְמְרוּ רַחֲמָיו ווען עס וועט ווערן שטארק די רַחְמָנוּת, 'גַּבֵּיהּ אִתְהַפֵּךְ' האט זיך די פיש איבערגעדריידט; עס וועט זיך איבערדרייען דער גענאק, הַיְנוּ שֶׁיִּתְהַפֵּךְ מִדַּת הַדִּין לְמִדַּת הָרַחֲמִים דאס הייסט די מִדַּת הַדִּין וועט ווערן איבערגעדרייט צו רַחְמָנוּת. ביי יעדן איינעם איז אזוי. אין אנהויב שפירט מען נאכנישט א נאנטקייט צום אייבערשטן, מען שפירט אזוי ווי א מענטש רעדט צו איינעם וואס איז אויסגעדריידט מיטן פָּנִים, מען רעדט צום גענאק, בְּחִינַת עוֹרֶף, אבער 'כַּד חַם', ווי מער מען עקשן'ט זיך, מען בעט און מען בעט - געבט זיך אלעס א דריי איבער און מען שפירט דעם אייבערשטן פָּנִים בְּפָנִים.

**ווי אזוי בעט מען?**

**א** מענטש דארף אבער וויסן ווי אזוי צו בעטן דעם אייבערשטן, מען דארף בעטן דעם אייבערשטן ער זאל געבן א מַתְּנַת חִנָּם; טוּן מיט אונז חֲסָדִים, אומזיסט, נישט מיינען אז 'עס קומט זיך מיר, איך בעט שוין אזוי לאנג, מוז מען מיר געבן'; נאר וויסן אז אלעס איז אומזיסטע חֲסָדִים פונעם אייבערשטן,

**'ואי לא הוי מקרבינן לספינתא', הינו: "למעני למעני אעשה זאת" (ישעיהו מח) כדאיתא במדרש (ויקרא פרשה כז): "מי הקדימני ואשלם לו", 'מי עשה לי מזוזה קדם שנתתי לו בית' וכו', נמצא, שכל מעשים טובים שלנו וכל התפלות הכל מאתו, ואין ראוי לחשב לקבל שכר על שום דבר, ואף-על-פי**

דאס זאגט רבה בר בר חנה, 'ואי לא הוי מקרבינן לספינתא' און ווען מיר וואלטן נישט געווען נאנט צום שיף, הינו דאס איז וואס שטייט 'למעני למעני אעשה זאת' (ישעיה מח, יא) דער אייבערשטער זאגט: 'למעני למעני אעשה זאת' איך וועל ענק העלפן פאר מיר, פאר מיינעט וועגן, כדאיתא במדרש אזוי ווי עס שטייט אין מדרש, דער אייבערשטער פרעגט (ויקרא רבה כז, ב): 'מי הקדימני' ווער האט מיך געפעדערט, 'ואשלם לו' אז איך זאל אים דארפן באצאלן, 'מי עשה לי מזוזה' ווער קען דען מקיים זיין די מצוה פון לייגן א מזוזה – 'קדם שנתתי לו בית' וכו' איידער איך האב אים געגעבן א הויז? און אזוי איז מיט אלע מצות; מען קען גארנישט טון נאר נאכדעם וואס דער אייבערשטער העלפט מען זאל קענען טון די מצוה. מען קען מאכן א סוכה נאר אז דער אייבערשטער געבט א פלאץ וואו צו מאכן די סוכה, מען קען נאר לייגן ציצית אז דער אייבערשטער געבט א קלייד אויף וואס צו לייגן די ציצית, מען קען נאר אפשיידן פאה און אלע מתנות עניים אז דער אייבערשטער געבט א פעלד.

וואס מיר טוען, וכל התפילות און אלע אונזערע תפילות, הכל מאתו אלעס איז פונעם אייבערשטן, ואין ראוי לחשב און עס איז נישט ריכטיג צו טראכטן, לקבל שכר על שום דבר צו דארפן באקומען באצאלט אויף די מצות און תפילות וואס מיר טוען. ואף על פי שנראה אפילו עס זעט אויס, שעל ידי תפילתנו אז דורך אונזערע תפילות, ותורתנו און דורך אונזער תורה וואס מיר לערנען, יהיה הגאלה וועט זיין די גאולה; אף על פי כן צריכין אנחנו לחסדו מיט דעם אלעם, נאך אלע אונזערע תפילות און תורה וואס מיר לערנען – דארפן מיר נאכאלץ צוקומען צו די חסדים פונעם אייבערשטן, שבחסדו יגאל אותנו ער זאל אונז אויסלייזן מיט זיינע חסדים, און ווען מען דאווענט דארף מען דאווענען אויף דעם וועג, בעטן דעם אייבערשטן: 'הייליגער באשעפער, איך בין גארנישט, איך בין אזוי ווייט פון דיר, איך בין אזוי נידריג, דאך בעט איך דיר, עשה למענך, טו פאר דיין כבוד וועגן, ולא למעננו און נישט פאר מיר'.

### פאר דיין כבוד וועגן

**נמצא** קומט אויס, שכל מעשים טובים שלנו אז אלע אונזערע גוטע זאכן

### מתנת חינם

**דאס** זאגט רבה בר בר חנה: 'אי לא מקרבינן לספינתא' ווען מיר

**שֶׁנִּרְאֶה, שֶׁעַל־יְדֵי תְּפִלָּתֵנוּ וְתוֹרָתֵנוּ יִהְיֶה הַגְּאֻלָּה, אַף־עַל־פִּי־כֵן צְרִיכִין אֲנַחְנוּ לְחַסְדּוֹ, שֶׁבְּחַסְדּוֹ יִגְאַל אוֹתָנוּ. וְזֶה 'אִי לָא מְקָרְבִינָן לִסְפִינְתָּא', זֶה בְּחִינַת חֶסֶד, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'הַסַּפָּנִין רֻבָּן חֲסִידִים', אִי לָא חַסְדּוֹ, 'טַבְעִינָן', חַס וְשָׁלוֹם, בַּגָּלוּת:**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: "אֱמוֹר אֶל הַכֹּהֲנִים", בְּחִינַת תְּפִלָּה כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים כו): "אֶת ה' הֶאֱמַרְתָּ הַיּוֹם". "כֹּהֲנִים", הֵם בְּחִינַת תּוֹרָה, בְּחִינַת נְשָׁמוֹת כַּנַּ"ל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מַלְאָכִי ב): "כִּי שִׂפְתֵי כֹהֵן יִשְׁמְרוּ דַעַת וְתוֹרָה" וְכוּ'. "אַהֲרֹן", בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת כח): "וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת מִשְׁפַּט בְּנֵי יִשְׂרָאֵל". כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא כָּל הַתְּפִלּוֹת**

וָואלְטְן נִישְׁט גֶעהַאט דִי שִׁיף, זֶה בְּחִינַת חֶסֶד אַ שִׁיף מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִדּוּשִׁין פב.): **'הַסַּפָּנִין רֻבָּן חֲסִידִים'** דִי שִׁיפְס קַאפִּיטַאנֶען זֶענֶען חֲסִידִים; וַוייל זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִין אַ מָקוֹם סַכָּנָה, זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶערְשְׁרָאקְן, זֵייעֶר הַארְץ אִיז אַלְץ צֶעבְּרָאכְן, זֵיי קוּקְן אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס זָאגְט עֶר: **אִי לָא חַסְדּוֹ** וֶוען נִישְׁט דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - **'טַבְעִינָן'** וָואלְטְן מִיר **חַס וְשָׁלוֹם,** דֶערְטְרַאנְקֶען גֶעוָוארְן, **בַּגָּלוּת.** וַוייל נָאר אַז מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וֶועג, אַז מֶען וֵוייסְט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז נָאר אַ מַתְּנַת חִינָם' - נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאלְן.

אָנְגֶעהוֹיבְּן, **וְזֶה פֵּרוּשׁ** דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁטֵייט: **'אֱמוֹר אֶל הַכֹּהֲנִים'** **אֱמוֹר** אִיז **בְּחִינַת תְּפִלָּה** דַאוֶוענֶען, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים כו, יז): **'אֶת ה' הֶאֱמַרְתָּ הַיּוֹם'** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאסְטוּ הַיינְט אוֹיסְגֶערוּמְט, **'כֹּהֲנִים'** **הֵם בְּחִינַת תּוֹרָה** כֹּהֲנִים דָאס מֵיינְט מֶען תּוֹרָה, **בְּחִינַת נְשָׁמוֹת** דִי תּוֹרָה אִיז נְשָׁמוֹת, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ו'). **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ב, ז): **'כִּי שִׂפְתֵי כֹהֵן** דֶעם כֹּהֵן'ס לִיפְּן - **'יִשְׁמְרוּ דַעַת וְתוֹרָה' וְכוּ'** הִיטְן צוּ רֶעדְן דָאס פַארְשְׁטַאנְד פוּן תּוֹרָה; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי כֹּהֲנִים אִיז נָאר אַז זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה, **'אַהֲרֹן'** **בְּחִינַת מִשְׁפָּט** אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וַוייזְט אוֹיף מִשְׁפָּט, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כח, ל): **'וְנָשָׂא אַהֲרֹן'** אוּן אַהֲרֹן וֶועט טְרָאגְן, **'אֶת מִשְׁפַּט בְּנֵי יִשְׂרָאֵל'** דֶעם מִשְׁפָּט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**אֱמוֹר אֶל הַכֹּהֲנִים**

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי אַרֵיינְלֵייגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעם פָּסוּק וָואס עֶר הָאט

**אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען חָשׁוּב**

**כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא כָּל הַתְּפִלּוֹת לִבְחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ** וַוייל מֶען דַארְף בְּרֶענְגֶען אַלֶע

**לְבְחִינַת משֶׁה מָשִׁיחַ, וְהוּא יָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן. וְזֶה פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: 'לְהַזְהִיר הַגְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים', הַיְנוּ צַדִּיק הַדּוֹר, שֶׁהוּא בְּחִינַת משֶׁה מָאוֹר הַגָּדוֹל, יַזְהִיר וְיָאִיר אֶת הַתְּפִלָּה, שֶׁהִיא בְּחִינַת מָאוֹר הַקָּטָן.**

**"וּלְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו", הַיְנוּ עַל יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית כַּנַּ"ל, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר: 'עִקָּרָא דְּיִצְרָא בִּישָׁא עַל עֲרָיָן וְהִיא עִקָּרָא דִּמְסַאֲבוּתָא', וּכְשֶׁיִּשְׁמֹר אֶת הַבְּרִית, זוֹכֶה לִבְחִינַת תְּפִלָּה כַּנַּ"ל, וְזוֹכֶה**

תְּפִילוֹת צוּ משֶׁה וָואס אִיז מָשִׁיחַ, **וְהוּא יָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן** און דֶער צַדִּיק, עֶר בּוֹיט אוֹיף פוּן אַלֶע תְּפִילוֹת אַ מִשְׁכָּן פַאֲרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אוֹיךְ מְרוּמָז אִין פָּסוּק, **וְזֶה פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י** אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט: 'לְהַזְהִיר הַגְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים' די גְרוֹיסֶע זָאלְן אָנְוָוארֶענֶען די קְלֵיינֶע. **הַיְנוּ צַדִּיק הַדּוֹר** דָאס מֵיינְט מֶען די צַדִּיקֵי הַדּוֹר, די גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, **שֶׁהוּא בְּחִינַת משֶׁה** דֶער צַדִּיק וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר אִיז בַּיי די מַדְרֵיגָה פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ: **מָאוֹר הַגָּדוֹל** אַ גְרוֹיסֶע לִיכְט – **יַזְהִיר וְיָאִיר אֶת הַתְּפִלָּה** זָאל לִיכְטִיג מַאכְן די תְּפִילוֹת **שֶׁהִיא בְּחִינַת מָאוֹר הַקָּטָן** וָואס זֶענֶען פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שַׁיינֶען שְׁוַואךְ, מִיט אַ קְלֵיינֶע שַׁיין; דֶער צַדִּיק נֶעמְט אַלֶעמֶען און עֶר וַוייזְט יֶעדְן אֵיינֶעם 'מֵיין נִישְׁט אַז דַיינֶע תְּפִילוֹת שַׁיינֶען שְׁוַואךְ'; דֶער צַדִּיק מַאכְט פוּן אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת 'מָאוֹר הַגָּדוֹל' – עֶס זָאל אָנְהֵייבְּן שַׁיינֶען בַּיי אוּנְז, מִיר זָאלְן חָשׁוּב הַאלְטְן די תְּפִילוֹת.

**קְדֻשַּׁת הַבְּרִית**

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רַאְיָ', אַז צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ מֶען הִיט דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא כא, א): **'וּלְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו'** צוּ אַ טוֹיטְן מֶענְטְשׁ זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין, **הַיְנוּ** דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן, **עַל יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית** מֶען זָאל הִיטְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב'). וַוייל נָאר אוֹיבּ מֶען הִיט זִיךְ די אוֹיגְן און די מֹחַ מַחֲשָׁבָה, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען אַ גֶעפִיל צוּם דַאוְונֶען; נָאר מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה הָאט מֶען אַסַאךְ אֲרִיכַת אַפַּיִם, צוּ בְּלַייבְּן דַאוְונֶען און וַוייטֶער בֶּעטְן, און נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן.

**דֶערְקֶענֶען אַ נוֹאֵף אוֹיפְן נָאז**

**כַּמּוּבָא** בַּזֹּהַר אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (וַיִּקְרָא טו:): **'עִקָּרָא דְּיִצְרָא בִּישָׁא'** דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, 'עַל עֲרָיָן' אַרָאפְּצוּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית, **'וְהִיא עִקָּרָא דִּמְסַאֲבוּתָא'** מִיט די עֲבֵירָה אִיז עֶר מְטַמֵּא דֶעם מֶענְטְשׁ. **וּכְשֶׁיִּשְׁמֹר אֶת הַבְּרִית** און אַז מֶען הִיט דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, **זוֹכֶה לִבְחִינַת תְּפִלָּה** אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין דַאוְונֶען, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט; נָאר מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית הָאט מֶען נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען הִיט זִיךְ די אוֹיגְן

**לִבְחִינַת "תְּהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ", כִּי עִקַּר הָרֵיחַ תָּלוּי בְּטָהֳרָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה מח.): 'מִשֶּׁבָּטְלָה הַטָּהֳרָה בָּטְלָה הָרֵיחַ', כַּמְבֹאָר מַעֲשֶׂה בַּגְּמָרָא (שָׁם מט.): 'שֶׁאָמַר: רֵיחָא דְחַנוּנִיתָא אֲנִי מֵרִיחַ. אָמַר לֵיהּ: בְּנִי, טָהֳרָה יֵשׁ בְּךָ':**

נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת - הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וְזוֹכֶה לִבְחִינַת דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דָאס וָואס שְׁטֵייט: 'תְּהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ' דָאס אִיז מַיין לוֹיב, אַז אִיךְ הַאלְט צוּרִיק מַיין צָארְן פוּן דִיר, וַוייל נָאר אַז מֶען הִיט דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - הָאט מֶען אֲרִיכַת אַפַּיִם, אַ לַאנְגֶע אָטֶעם, אוּן אַז מֶען אִיז חַס וְשָׁלוֹם פּוֹגֵם בִּבְרִית - וֶוערְט מֶען אַ כַּעַסָ'ן, אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד): "אִיךְ קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיפְן נָאז אַ נוֹאֵף".

**דֶערְפַאר,** וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁמִירַת הַבְּרִית - אִיז זוֹכֶה צוּם חֶרֶב שֶׁל מָשִׁיחַ, צוּ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוּן צוּ אֲרִיכַת אַפַּיִם. דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה יא, ג): 'וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת ה'' מֶען וֶועט אָנְגֶעפִילְט וֶוערְן מִיט אַ גֵייסְט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, כִּי עִקַּר הָרֵיחַ תָּלוּי בְּטָהֳרָה אוּן דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר דוּרְךְ טָהֳרָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה מח.): 'מִשֶּׁבָּטְלָה הַטָּהֳרָה' פוּן וֶוען עֶס אִיז אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶועלְט טָהֳרָה, 'בָּטְלָה הָרֵיחַ' אִיז אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן דָאס רֵיחַ, כַּמְבֹאָר מַעֲשֶׂה בַּגְּמָרָא (שָׁם מט.): 'שֶׁאָמַר' אַזוֹי וִוי רַבָּה הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע רַב הוּנָא: 'רֵיחָא דְחַנוּנִיתָא אֲנִי מֵרִיחַ' אִיךְ שְׁמֶעק אַ גֶערוּךְ פוּן גוּטֶע טֵייטְלֶען, 'אָמַר לֵיהּ' הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: 'בְּנִי' מַיין קִינְד, 'טָהֳרָה יֵשׁ בְּךָ' דוּ בִּיסְט אַ רֵיינֶער מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער הָאסְטוּ דִי זַאךְ פוּן רֵיחַ.

---

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִין דִי תּוֹרָה וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. מָשִׁיחַ וֶועט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז מֶען זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי גֶעוֶוער, דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה; מֶען זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם, צוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

# זֶה הַשַּׁעַר לַה' צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

## סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־תְּפִלּוֹת

לְנוֹרָא תְּהִלּוֹת, כְּלוּלִים מִכָּל טוּב לְבֵית יִשְׂרָאֵל תְּפִלּוֹת, תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, וְרִצּוּיִים וּפִיּוּסִים וּוִדּוּיִים וְהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְנַפְשׁוֹ, שֶׁיְּעוֹרֵר הָאָדָם אֶת עַצְמוֹ לִזְכֹּר אֶת אַחֲרִיתוֹ. וְכִסּוּפִין וְגַעְגּוּעִים גְּדוֹלִים וַעֲצוּמִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ לַעֲבוֹדָתוֹ וּלְתוֹרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כָּל תְּפִלָּה, כָּל תְּחִנָּה, כָּל בַּקָּשָׁה הַמֻּכְרָח לְכָל אִישׁ וָאִישׁ, אֲשֶׁר יוֹדֵעַ אֶת נִגְעֵי לְבָבוֹ וּמַכְאוֹבָיו, הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל יִמְצָא בְּתוֹךְ תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת הַלָּלוּ; אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בָּהֶם! לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ, קָשְׁרֵם עַל לוּחַ לִבֶּךָ, לְמַעַן תֶּחְכַּם בְּאַחֲרִיתֶךָ:

מְיֻסָּדִים עַל אַדְנֵי פָּז הַמַּאֲמָרִים הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ "**לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן**". יִסְּדָם אֶחָד הַמְיֻחָד שֶׁבְּתַלְמִידָיו, אֲשֶׁר יָצַק מַיִם עַל יָדָיו, הָרַב הַגָּאוֹן הֶחָסִיד הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, מְאוֹר עֵינֵינוּ, אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאוֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי **נָתָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, עַל־פִּי פְּקֻדָּתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ הַגָּדוֹל, בַּעַל הַמְחַבֵּר הַ"**לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן**", זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. כַּמְבֹאָר בַּהַקְדָּמָה, לֵךְ נָא רְאֵה שָׁמָּה:

יָצְאוּ בָּרִאשׁוֹנָה לָאוֹר עַל־יְדֵי מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נָתָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ בִּשְׁנַת **תקפ"ב** לִפְרָט קָטָן, וְכָתַב בְּעַצְמוֹ לִפְרָט "תַּחַת אַהֲבָתִי יִשְׂטְנוּנִי וַאֲנִי תְפִלָּה".

## אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט אוֹיף

## אִידִישׁ

## אַ הַארְצְרַייסְנְדֶע תְּפִלָּה אוֹיף אִידִישׁ
## גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי תּוֹרָה

## אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט פוּנֶעם
## הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶער גֶעוֶוער אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; דָאס אִיז מָשִׁיחַ׳ס גֶעוֶוער אוּן דָאס אִיז דִי גֶעוֶוער פוּן אַלֶע אִידְן.

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הַאלְטְן דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה גְלַייךְ, נִישְׁט דָאס בֵּייגְן נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס; אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ זֶע נִישְׁט גְלַייךְ וִוי מַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען – זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן.

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען דַאוְוענֶען מִיט דִי רִיכְטִיגֶע כַּוָונָה אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת בַּיים דַאוְוענֶען, אִיךְ זָאל נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן בַּיים דַאוְוענֶען פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַבִּיסְל רֵיינְקֵייט, גֶעבּ מִיר הֵיילִיגְקֵייט, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן נִישְׁט רֶעדְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע זַיין נוֹטְרֵי הַבְּרִית, מִיר זָאלְן זַיין הֵיילִיג, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען דַאוְוענֶען פַאר דִיר אַזוֹי וִוי עֶס

דאַרְף צוּ זַיין, וַוייל נָאר אַז מֶען הִיט אָפּ דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הַאלְטְן דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה אוּן נִישְׁט ווֶערְן שְׁוַואךְ פוּן דִי קְלִיפּוֹת וָואס רֶעדְן מִיר אַיין: 'וָואס פֶּעלְט אוֹיס צוּ דַאוֶונֶען? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאךְ אַלֶעס צוּם גוּטְן', אָדֶער דִי אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס ווִילְן מִיר אָפְּשְׁוַואכְן פוּן דִי אֱמוּנָה, פוּן קֶענֶען דַאוֶונֶען צוּ דִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר כֹּחַ צוּ קֶענֶען בַּיישְׁטֵיין מַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַ נוֹטֵר הַבְּרִית. וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אַז נָאר וֶוער עֶס הִיט אָפּ דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ – נָאר דֶער אִיז אַ צַדִּיק, קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין נָאךְ וַוייט פוּן זַיין אַ צַדִּיק, וַוייל אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (יְשַׁעְיָה ס, כא): "וְעַמֵּךְ כּוּלָּם צַדִּיקִים", אַלֶע אִידְן זֶענֶען צַדִּיקִים, אוֹיבּ אַזוֹי דַארְפְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַז עֶס זָאל זַיין אֱמֶת וָואס שְׁטֵייט וְעַמֵּךְ כּוּלָּם צַדִּיקִים.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֵיינְס, אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט גֶעראַטֶעוֶועט יוֹסֵף הַצַּדִּיק פוּן זַיין נִסָּיוֹן, דוּ הָאסְט אִים גֶעגֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסָּיוֹן – זָאלְסְטוּ מִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ זָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, אִיךְ זָאל נָאר

טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ זָאל זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר, אוּן הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען דַאוֶונֶען פַאר דִיר.

**אָנָּא** ה', הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח צוּ קֶענֶען גֶעבְּן צְדָקָה פַאר עֶרְלִיכֶע אָרֶעמֶעלַייט, אוּן וֶוען אִיךְ גֶעבּ צְדָקָה זָאל דָאס זַיין מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן מִיט אַ גוּטֶע גֶעפִיל, אוּן דוּרךְ צְדָקָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן מַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶועלְן אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן.

**הֵיילִיגֶער** בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים פוּן אוּנְזֶער דוֹר, וַוייל אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז מַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶוען אִיךְ דַאוֶונֶען פַאר דִיר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אִינְזִין וָואס אִיךְ רֶעד, עֶס אִיז פוּל מִיט מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיר אָב הָרַחֲמָן, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער טַאטֶע, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָאטֶער, וֶוען דִי צַדִיקִים בְּרֶענְגֶען פַאר דִיר אַלֶע תְּפִלּוֹת פוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיךְ מַיינֶע תְּפִלּוֹת – זָאלְסְטוּ דָאס מְקַבֵּל זַיין אוּן מִיט דֶעם אוֹיפְבּוֹיעֶן סֻכַּת דָוִד הַנּוֹפֶלֶת, אוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

**רִבּוֹנוֹ** שֶׁל עוֹלָם, מַאךְ מִיט מִיר אַ מַתְּנַת חִינָם, עֲשֵׂה לְמַעַנְךָ אִם לֹא לְמַעֲנֵנוּ, לֹא לָנוּ ה' לֹא לָנוּ, נִישְׁט פַאר מִיר, כִּי לְשִׁמְךָ, פַאר דַיין כָּבוֹד – הֶעלְף מִיר, נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעט אוּן שִׁיק אוּנְז שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה.

# מהדורת

## ספר הקדוש הזה
## הוקדש לזכות

# דוד קויפמאן

נרו יאיר ויזרח

וזוגתו **חנה** תחי'

ויל'דיהם
חיה, יעקב עקיבא, ישראל

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות
לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי ומזוני
רוויחא.

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים
יגן וימליץ בעדם תמיד.

אמן כן יהי רצון